STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03220

DER HAFETS HAYYIM ZAL

H. Volf

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ת. וואָלף

דער חפץ חיים ז"ל

דער פרומסטער איד פון אונדזער דור

אַ מאָנאָגראַפיע

מיט אַ הקדמה

•

אַרויסגעגעבן פון ביבליאָטעק
„אידישע היים"

ניו יאָרק ת"ש 1940

Copyright by
J. KAMER
Washington, D. C.

Printed in U.S.A.

לעגענדע און פשטות

(אַנשטאָט אַ הקדמה)

דער גענׄיאַלער פשוטער ייד ר' ישראל מאיר הכהן ראַדינער זצ"ל, וואָס איז קרוב צו הונדערט יאָר געווען באַוואוסט אַלס דער „חפץ חיים" אויפן נאָמען פון זיין ספרל „חפץ חיים" וועגן האַרבן איסור פון לשון הרע און רכילות — איז געווען דער לעבעדיקער סימבאָל פון דער עטישער יידישקייט.

דאָס גאַנצע לעבן האָט ער געוואוינט אין קליינעם ליטווישן שטעטל ראַדין, צוליב זיין צדקות האָט ער צום אָנהויב ניט געוואָלט זיין קיין רב און איז געוואָרן אַ קרעמער. ווען ער איז אָבער געווען אַ קרעמער האָבן מענטשן דערשפּירט אַז דאָס איז ניט קיין קרעמער פון זייער דור. אַ קרעמער וואָס נאַרט ניט און שווינדלט ניט איז קיין קרעמער ניט... איז ער געוואָרן דער לעגענדאַרער קרעמער. וועלכער דערציילט דעם אמת וועגן זיין סחורה. און ער אַליין האָט ניט געוואָלט זיין קיין לעגענדע, ער האָט געוואָלט אַז אַזוי זאָל זיין די ווירקלעכקייט. האָט ער זיין קרעמל פאַרמאַכט.

איז ער געוואָרן אַ רב האָט ער געפאָדערט פון זיינע באַלע־באַטים זיי זאָלן וויסן אַז ער איז אַ מרא דאתרא. און טראָגט די אַחריות פאַר אַלץ וואָס עס טוט זיך אין שטאָט. פלעגט ער גיין פרייטאָג קאָנטראָלירן די וואָג און מאָס אין אַלע קראָמען... איז דאָס די באַלעבאַטים ניט געפעלן און ער איז געוואָרן אויס רב.

האָט ער געזען אַז דאָס פאָלק זינקט אין שלעכטע מידות. רכילות און לשון הרע זיינען געוואָרן די אימפּולסן פון אַלע גרעסערע דערשיינונגען פון יחידישן און קאָלעקטיוון לעבן. דאָס וואָרט איז פאַרשוועכט געוואָרן. האָט ער אָנגעשריבן זיין „שמירת הלשון". האָט ער זיך אָנגעהויבן דורכשרייבן מיטן פאָלק דורך הונדערטער דרוק־בויגן וועגן דער עבירה פון רכילות, לשון־הרע,

און אַנדערע סאָציאַלע חטאים, ווי ניט באַצאָלן דעם אַרבעטער שריבן האָט ער פאַר די מאַסן. פאַרן בעל־מלאכה, פאַרן תהלים־זיין לוין אין צייט, לייען דעם אָרעמאַן אַ גמילות חסד. און געייד, פאַר דער פרוי, און סאָלדאַט.

האָט ער דערזען אַז דאָס איז ווייניק, איז ער געגאַנגען מיט זיין פעקל ספרים פון שטאָט צו שטאָט און ניט גערעדט פאַרן פאָלק, אָדער צום פאָלק, נאָר זיך דורכגערעדט מיטן פאָלק. האָט דאָס פאָלק אים ניט פאַרשטאַנען און אים אָנגעטאָן די קרוין פון צדיק און בעל־מופת צו וועמען מען פאָרט נאָך ברכות.

און ר׳ ישראל מאיר ראַדינער איז ניט געווען קיין בעל מופת נאָר אַן איש מופת אַ מוסטער מענטש וועלכער האָט געלעבט און געאָטעמט לויט דער תורה און דער יידישער מאָראַל. אַ פשוטער ייד וועלכער האָט געשפירט די מציאות פון גאָט ווי עס שפירט אַ קינד דעם טאַטן. און געווייטיקט דעם צער פון זיין פאָלק, ווי עס שפירט אַ מאַמע דעם ווייטיק פון אַ קינד.

ביי אים איז אַלץ געווען פשטות און מען האָט פון דעם אַלעם געמאַכט לעגענדע.

„דער חפץ חיים דער פרימסטער ייד פון זיין דור" — דאָס דריטע ווערק פון ח. וואָלף איז אַ דערפרייענדיקע און סטימולירנדיקע דערשיינונג אין דער יידישער ליטעראַטור. פון דער דאָזיקער אַרבעט ווי פון די אַנדערע ווערק, וואָלפס. פליסט אַרויס די טיפע ערנסט פון מחבר. איינער פון די נשמהדיקסטע און עטישסטע סאָציאַליסטן אין אונדזער פאַרמאַטעריאַליזירטער און אומעטישער צייט.

אין לעצטן קאַפּיטל פון זיין ביז גאָר וואָגיק ווערק „עטישער סאָציאַליזם" שרייבט ח. וואָלף: „עס לעבט אַ סאָרט מענטש וואָס איז ערלעך, גרויסמוטיק, כאַראַקטער־שטאַרק, פילנדיק און ליבנדיק. דער עטישער מענטש שיידט זיך אונטער פון דעם דורכשניטלעכן מענטש בלויז מיט זיין פולקאָמער מענטשלעכער פסיכיק".

לייענט מען דורך די אַרבעט פון ח. וואָלף וועגן „חפץ חיים" זצ"ל, דערזעט מען פאַר זיך אָט דעם סאָרט פולקאָמענעם עטישן טיפּ וועמען וואָלף האָט אין זינען רעדנדיק וועגן דעם עטישן מענטשן.

וועגן „חפץ חיים״ זצ״ל האָבן שוין אַ סך געשריבן. עס האָבן געשריבן תלמידים און אַזעלכע וועלכע רופן זיך תלמידים, אָבער אַלץ וואָס איז ביז אַהער געשריבן געוואָרן איז אָן אַ טיפן אַריינבליק אין עצם וועזן פון דער מערקווירדיקער פערזענלעכקייט.

די פאָלגנדיקע אַרבעט שטעלט מיט זיך פאָר אַ סינטעטישע גראַדליניקייט. דאָס איז אַ קינסטלעריש־שלימותדיקע מאָנאָגראַפיע.

ח. וואָלף גיט אונדז אַ פסיכאָלאָגישן אַנאַליז פון דעם מהות פון דעם געניאַלן פשוטן יידן. ער כאַפּט אויף זיינע הויפּט־עלעמענטן און גיט אונדז אַ קלאָר בילד פון חפץ חיים ז״ל. דערביי פילט זיך די מאָראַלישע התלהבות און עטישע דערקענטעניש ניט נאָר פון חפץ חיים ז״ל נאָר אויך פון מחבר.

ח. וואָלף איז אַ תלמיד פון חפץ חיים און איז דאָך ניט רעליגיעז אין טראַדיציאָנעלן זינען. איז דערפאַר נאָך מער צו באַוואונדערן די טיפע ליבע און פאַרערונג פון וועלטלעכן תלמיד צום פרומען רבין. און עס איז בעסער וואָס אַזאַ אַרבעט איז געשריבן געוואָרן פון אַזאַ מענטשן וועלכער איז ניט אידענטיפיצירט מיט דער אָפיציעלער אָרטאָדאָקסיע, נאָר פון אַזאַ איינעם וועלכער שטייט מחוץ פון דער מחנה און קען אָביעקטיוו אָפּשאַצן. אַזאַ אָפּשאַצונג וועטווירקן סטימולירנדיק אויפן דענקען פון דעם וועלטלעכן לאַגער, ווייל דאָס מאָל נעמט אויף זיך די אַחריות פאַרן אינהאַלט, אַ וועלטלעכער שרייבער וואָס איז פריי און זעלבסטשטענדיק אין זיין דענקען.

ברוקלין, אסרו חג פסח, תש. — מאַי 1940.

1. אַ גאָניאַלער פּשוטער איד.

דער חפץ חיים, דער לעצטער רשכבה״ג (רבן של כל בני הגולה), דער גרעסטער פּרומער ייד פון פאַרגאַנגענעם דור, האָט ניט פאַרנומען קיין שום אָפיציעלן רעליגיעזן אַמט אין יידישן לעבן, נאָר איז אַלע זיינע יאָרן געווען אַ פּראָסט־פּשוטער ייד פונם שטעטל ראַדין, פונקט אַזוי ווי אַלע פּראָסטע יידן פון דאָזיקן שטעטל און פון אַלע יידישע שטעט און שטעטלעך. און געווען איז ער אַזעלכער ניט מחמת דעם וואָס ער האָט ניט געקענט קריגן קיין רבנות־שטעלע, אָדער ווערן אַ נייער סאָרט חסידישער רבי, מיט אַ נייעם כת חסידים, נאָר דערפאַר, וואָס ער האָט עס בפירוש ניט געוואָלט. די פאָדערונג פון פּרק: ושנוא את הרבנות און ניט מאַכן פון דער תורה קיין קרדום לחפור, איז געווען ביי אים אַזאַ נאַטירלעכע אייגנשאַפט, אַז אַנדערש האָט עס גאָרניט געקענט זיין. דער חפץ חיים, אַלס פּסיכאָלאָגישער טיפּ, איז געווען פונקט דער היפוך פון דעם סטאַנדאַרט טיפּ גרויסע מענטשן. אים איז בטבע געווען פרעמד און דערווידער יעדער סאָרט פאָרמעלע גרויס־מענטשישקייט. זיין גרויסקייט איז באַשטאַנען אין זיין פּשוטער מענטשלעכקייט און תמימות; ער איז געווען אַ גאָניאַלער פּשוטער מענטש. אין דעם פּרט איז ער אַ גרויסע זעלטנקייט ניט נאָר צווישן יידן, נאָר אויך צווישן ניט־יידן.

צוויי סאָרטן גרויסע יידן זיינען געווען. געווען, אויפן ערשטן פּלאַץ, דער גרויסער ייד דער למדן, דער גאון, דער מלא וגדיש, דער גרויסער בקי אין ש״ס און פּוסקים, ראשונים און אחרונים, וואָס איז געזעסן יומם ולילה על התורה ועל עבודה און וועלכער איז נאָך דערצו אויך געווען דער גרויסער חריף ועוקר הרים. אַזעלכע האָבן כמעט שטענדיק פאַרנומען גרויסע רבינער־שטעלעס, זיינען געווען די אָפיציעל־אַנערקענטע פירער פון די יידן, זיי זיינען געווען דער גייסטיקער צענטער פון יידישן לעבן פון זייער צייט. צו זיי פלעגן זיך ווענדן די

קלענערע רבנים מארבע פינות עולם מיט שווערע שאלות און הארבע פראגן, ארום זיי, פלעגן, ס'רוב מאל, אנטשטיין ישיבות, וואו בחורים פלעגן קומען לערנען. די דאזיקע האבן געלאזט נאך זיך גראבע טראקטאטן מיט שאלות ותשובות, אדער פילפול־ספרים ד"ה קאמענטארן אויף ש"ס, אויפן רמב"ם, אויף די שולחן ערוכס, א. אז. וו. די דאזיקע ספרים האבן זיך אויס־געצייכנט אדער מיט גרויס בקיאות, אדער מיט גרויס חריפות, און זיינען אלס אזעלכע געווארן מפורסם צום ערשטן אין דער וועלט פון לומדים און בני תורה און דערנאך צווישן גאנצן פאלק. אט דער דאזיקער טיפ גרויסער ייד, ד"ה גרויסער געלערנטער אין דער תלמודישער ליטעראטור, האט פארנומען דעם אויבנאן אין יידישן לעבן זינט גאנץ אלטע צייטן.

נאך דער אנטשטייאונג פון חסידיזם איז אויפגעקומען א נייער טיפ גרויסער ייד — דער גרויסער חסידישער רבי. דער דאזיקער סארט גרויסע יידן האבן זיך מער ניט אויסגע־צייכנט מיט זייער גרויסער לומדות, כאטש עס זיינען געווען א סך גרויסע לומדים צווישן זיי, נאר זיי האבן זיך אויסגע־צייכנט מיטן גרויסן פאעטישן שוואונג, וואס זיי האבן ארייג־געבראכט אין דער רעליגיעזער יידישקייט. די גרויסע חסידישע רביס זיינען געווען גרויסע דיכטער־נשמות, פאר וועלכע זייער גלויבן האט זיך פארוואנדלט אין קוואלן פון פאעטישע אינס־פיראציעס און הויכע איבערלעבונגען. די דאזיקע האבן צו־געצויגן גרויסע מאסן אנהענגער, האבן געגרינדעט דינאסטיעס, געפירט הויפן, געטאן מופתים א. אז. וו.

דער חפץ חיים האט ניט געהערט צו קיין איינעם פון די דאזיקע צוויי סארטן גרויסע יידן. ער איז ניט געווען ניט קיין גרויסער רב און ניט קיין גרויסער רבי. ער האט אויך ניט געהערט צום אלבאקאנטן טיפ הייליקן אדער געטלעכן מאן. דער לעצטער מיינט אן עקסטרעם פרומער מענטש, וואס שיידט זיך אפ פון דער וועלט, דערווייטערט זיך פון הבלי עולם הזה און ווידמעט זיך אינגאנצן און אויסשליסלעך דער פרומקייט: לערנט שטענדיק הייליקע ספרים, זאגט תפילות, איז פארטיפט אין רעליגיעזע געדאנקען, פראוועט פרישות, פאסט הפסקות, פייניקט דעם גוף א. אז. וו. נייך, דער חפץ חיים איז ניט גע־ווען אזא סארט הייליקער.

און אויך איז ער ניט געווען קיין פריידיקער אָדער מוכיח. דער לעצטער מיינט אַזעלכער וואָס זאָגט זיך אָפּ פון פירן אַ פּריוואַטן לעבן, צעטיילט זיין פאַרמעגן און גייט אַוועק צווישן פאָלק רופן און פריידיקן פרומקייט און גאָטספאַרכטיקייט. אויך דאָס איז דער חפץ חיים ניט געווען.

דער חפץ חיים איז ניט געווען ניט קיין רב און ניט קיין רבי, ניט קיין נזיר און ניט קיין הייליקער, ניט קיין בעל מופת און ניט קיין לאַמעדוואָוניק, — ער איז געווען אַ פרומער, ערלעכער ייד פון אַלע טאָג און פון אַ גאַנץ יאָר. און זיין גרויסקייט איז באַשטאַנען אין דעם, וואָס ער האָט די אַלטעג־לעכע פרומקייט און די אַלטעגלעכע ערלעכקייט דערפירט צו דער העכסטער מדרגה. ער איז, ווי געזאָגט, געווען אַ גענײאַלער פּשוטער ייד — די העכסטע פאַרקערפּערונג פון דער געזונטער, פּשוטער פרומקייט און ערלעכקייט — אָן עקסטראַוואַגאַנצן, אָן עפעקטן און עקסטרעמקייטן, נאָר דורך און דורך פּשטות און תמימות און ערלעכקייט. — מער גאָרנישט...

2. מיין ערשטער איינדרוק פון חפץ חיים.

דער מחבר פון די שורות געדענקט נאָך גאַנץ גענוי דעם איינדרוק וואָס ער האָט געהאַט ווען ער האָט צום ערשטן מאָל געזען דעם חפץ חיים. ער האָט זיך גערעכנט צו טרעפן אַן אַלטן גרייז־גרויען יידן, מיט אַ לאַנגער זילבערנער באָרד, מיט לאַנגע געקרייזלטע פּיאות, מיט אַ הדרת פּנים ווי אויף די ביל־דער פון צדיקים, אָנגעטאָן אין אַ לאַנגער אַטלאַסענער קאַפּאָטע מיט אַ שטריימל אָדער רבנישן קאַפּעלוש, אַרומגערינגלט פון אַ סוויטע שמשים און אונטער־שמשים, באַוואוינען אַ גרויסן הויף, מיט שטאַט, מיט רחבות, עשירות און כבוד, ווי עס פּאַסט פאַר אַזאַ יידן. — עפּעס אַ קלייניקייט דער חפץ חיים, דער גדול הדור, דער באַרימטסטער רעליגיעזער ייד פון זיין צייט, וועמענס נאָמען עס ווערט אַרויסגערעדט, צווישן פרומע יידן, מיט דער גרעסטער ערפורכט, פּיעטעט און יראת הכבוד, וועל־כער האָט זוכה געווען ביים לעבן נאָך צו ווערן אַ הייליקע לע־גענדע — האָב איך זיך גערעכנט צו טרעפן דעם חפץ חיים אין אַ סביבה ווי עס פּאַסט פאַר אַזעלכן. ערשט וואָס האָב איך

געזען: — אַ קלײנינקן, שטאַרק־געבויגענעם אַלטן ייִדן, מיט אַ קלײן װײס בערדל, אָנגעטאָן אין אַ פּראָסטער קאַפּאָטע מיט אַ פּראָסט יידיש היטל און קאפּל, אָן שמשים, אָן סוויטעס, אָן רבנישע מאַנירן און באַנעמונגען. אויך דאָס הויז וואו ער האָט געוואוינט האָט זיך מיט גאָרניט אונטערשיידט פון אַלע אַנדערע ראַדינער הייזער. אַן אַלט הילצערן הויז מיט אַ גרינעם מאָך־באַוואַקסענעם דאַך. אין פירהויז, עטלעכע טירן וואָס האָבן גע־פירט אין באַזונדערע וואוינונגען. פונקט קעגנאיבער דעם חפץ חיימס טיר, אין צווייטן פליגל פון הויז — אַ קו־שטאַל מיט אַ בהמה פון אינעווייניק. ביים חפץ חיים אין שטוב — עטלעכע געקאַלכטע חדרים, מיט ווייניק אָרים אַלטפרענקיש מעבל. דאָס אינגאַנצן.

און אויך דער שלום עליכם איז געווען אַזאַ פּשוטער. אַז כ׳האָב אים, אַ פאַררויטלטער, אַ פאַרשעמטער און מיט אַ קלאַפּעדיק האַרץ, אונטערגערוקט די האַנט, האָט ער פאַרריסן אויף מיר זיינע גוטע, קינדערשע, בלויע אויגן און געפרעגט:

— אַ נייער פּרוש?

— יאָ.

— פונוואַנען?

— פון לאָמזשע — האָב איך שטיל געענטפערט.

—פונוואַנען זאָגט איר? כ׳הער נישט, אַן אַלטער ייִד, רעדט אַ ביסעלע העכער — און ער האָט מיר אונטערגעשטעלט דעם אויער.

— פון לאָמזשע! — האָב איך געענטפערט שוין אַ ביסל העכער, אים אַריינריידנדיק אין אויער אַריין.

— אָ, פון לאָמזשע, ווייט פון דאַנען, אַ סך געפאָרן. מ׳קומט ברוך השם צו אונדז לערנען פון ווייט. גוט אַזוי. געלויבט השי״ת. דעם זמן געקומען אַ פולע פּרושים...

אַז כ׳בין אַוועק פון אים און צוריק אַריין אין „מויער" (אַזוי האָט מען אין ראַדין גערופן דעם בנין פון ישיבה — דער איינציקער מויער פון שטעטל), האָב איך זיך געטראַכט: סטייטש, אָט דאָס איז עס אינגאַנצן! אָט דאָס איז עס דער גרויסער חפץ חיים, דער ייד מיט וועמען עס קלינגט די וועלט! — אַזוי זעט ער אויס, אַזוי גייט ער געקליידט, אַזוי וואוינט ער! מיין יוגנט־לעכע, ראָמאַנטישע פאַנטאַזיע האָט זיך געפילט אָפּגענאַרט און

אַנטוישט. — זו תורה וזו שכרה! עס האָט זיך מיר געהאַלטן אין איין פאַרשטעלן דאָס אָרימע הויז, די אָרימע צימערן, דאָס אָרימע מעבל, די אָרימע הלבשה, די קו־שטאָל פונקט אַנטקעגן חפץ חיימס טיר. וואו־זשע איז דאָ די גרויסקייט, האָב איך זיך אַליין געפרעגט, — אין וואָס שטעקט זי? מסתמא אַז אַ וועלט זאָגט גרויס, ווייס זי וואָס זי זאָגט. איז וואו־זשע איז די גרויס־קייט?

האָב איך זיך בײַ זיך באַשלאָסן, ערשטנס, זיך באַקענען מיטן חפץ חיימס ספרים, און צווייטנס, אַז מסתמא וועל איך נאָך אין משך פון זמן צייט וואָס איך וועל דאָ בלייבן, זען און הערן גרוי־סע זאַכן.

3. דער ספר „ה׳חפץ חיים״.

גרויסקייט, כידוע, איז אַ רעלאַטיווער באַגריף, ספּעציעל מאָ־ראַלישע גרויסקייט. עס איז ניטאָ קיין אַבסאָלוטע גרויסקייט, וואָס זאָל זיין גילטיק פאַר אַלע מענטשן. דאָס וואָס פאַר איי־נעם איז גרויס, קען גאָר פאַר אַ צווייטן זיין קליין, און דאָס וואָס פאַר איינעם איז קליין, קען גאָר פאַר אַ צווייטן זיין גרויס. עס איז געווענדט מיט וואָס פאַר אַ אויגן מען קוקט, מיט וואָס פאַר אַ מאָס מען מעסט און — מיט וואָס פאַר אַ האַרץ מ׳פילט. לכן פאָדערט זיך דאָ אַ ביסל אינטערפּרעטאַציע.

קודם, וואָס שייך די ספרים. שוין דער ערשטער ספר פון ר׳ ישראל מאיר בר׳ אריה זאב הכהן, וואָס הייסט „ה׳חפץ חיים״, ווייזט, אַז מיר האָבן דאָ צו טאָן מיט אַן אַנדער שניט ספר ווי געוויינלעך. דאָס איז אַ ספר ניט מער און ניט ווייניקער ווי וועגן לשון הרע און רכילות. און הייסן הייסט דער ספר החפץ חיים, לויטן פסוק פון תהילים: מי האיש ה ח פ ץ ח י י ם אוהב ימים לראות טוב, נצור לשונך מרע ושפתיך מלדבר מרמה, דאָס הייסט, דער יעניקער וואָס וויל לעבן, דער זאָל ניט ריידן קיין לשון הרע.

געשריבן דעם דאָזיקן ספר האָט ר׳ ישראל מאיר נאָך אַלס יונגערמאַן, און דער דאָזיקער ספר איז געוואָרן אַזוי שטאַרק

באַרימט בכל תפוצות ישראל, אַז מ׳האָט דעם מחבר אָנגעהויבן צו רופן ניט אַנדערש ווי נאָר אויפן נאָמען פון דאָזיקן ספר.*)

וואָס אַזעלכעס שטעקט אינעם ספר, וואָס האָט באַרימט געמאַכט סיי אים, דעם ספר גופא, און סיי זיין שאַפער? צוויי זאַכן: אויסערגעוויינלעכע בקיאות און אויסערגעוויינלעכע קלאָרקייט. מ׳קען זאָגן, אַז עס איז אינעם דאָזיקן ספר ציטירט אַלץ וואָס איז וועגן ענין לשון הרע געזאָגט געוואָרן זינט משה רבינו ביזן ייד ישראל מאיר פון ראַדין... די גאַנצע גוואַלדיקע רעליגיעזע ליטעראַטור וואָס האָט זיך אָנגעזאַמלט וועגן דאָזיקן שטרויכלענדיקן ענין פון לשון הרע און רכילות, איז צונויפגעקליבן און אײַנגעאָרדנט געוואָרן אויף אַ מייסטערהאַפטן אופן אין דעם דאָזיקן ספר — פרק נאָך פרק און סעיף נאָך סעיף, געשריבן אין אַ קלאָרער און לייכטער שפּראַך (גמרא־שפּראַך), באַלויכטן און אויפגעקלערט, אַזוי אַז עס לערנט זיך ממש פון זיך אַליין.

האָבן פרומע יידן אָנגעהויבן זיך באַקאַנען מיטן דאָזיקן נייעם מערקווירדיקן ספר — וואָס זינט ספרים ווערן געשריבן האָט נאָך קיין מאָל קיין שום רב און קיין שום רבי ניט אָנגעשריבן קיין גאַנצן ספר וועגן לשון הרע און רכילות — און ער איז זיי געפעלן געוואָרן. עס איז זיי געפעלן געוואָרן סיי די גרויסע בקיאות פון ספר, סיי דער סדר זיינער, סיי די קלאָרקייט זיינע און מסתמא איז זיי אויך ניט ווייניק געפעלן געוואָרן דער נייער ספר צוליב זיין טעמע — לשון הרע, יוצרום וועלכער ייד קען עס מקיים זיין די מצווה פון ניט ריידן קיין לשון הרע און רכילות? קיינער ניט! דאָס איז דאָך אוממעגלעך, דאָס איז איבערן מענטשנס כוחות. האָבן יידן כאַטש געלערנט דעם דאָזיקן ספר, בבחינת דעם שיכור וואָס רעדט פון בראַנפן, מחמת ער האָט קיין בראַנפן ניט. דער ספר החפץ חיים איז שטאַרק פאַרשפרייט געוואָרן און זיין מחבר איז אין אַ קורצער צייט אי באַרימט געוואָרן און אי באַרייכערט געוואָרן.

---

*) אַ סברה, אַז אויף דער ערשטער אויפלאַגע פון „החפץ חיים״ איז ניט געווען אָנגעגעבן דער נאָמען פון זיין מחבר און דאָס האָט מיטגעווירקט אַז מ׳זאָל דעם מחבר רופן אויפן נאָמען פון ספר.

4. אַן אייגנאַרטיקע פּערזענלעכקייט.

דאָס וואָס אונדז אינטערעסירט אינעם דאָזיקן ספר איז די טעמע און דער צוגאַנג. ס׳איז אַ נייע טעמע אין דער וועלט פון יידישע ספרים און אַ נייער צוגאַנג.

נעמט אַ יונגער למדן, אַ גאון, אַ מופלג, וואָס האָט געקענט פּאַרנעמען די גרעסטע שטעלע אַלס רב אָדער ראש ישיבה און וועלכער באַזיצט נאָך דערצו אַזאַ בריליאַנטענעם סטיל און קלאָרע פּערלדיקע שפּראַך, נעמט ער און זעצט זיך אַוועק און שרייבט גאָר אַן אַ ספר וועגן לשון הרע און רכילות, וואָס אַז מ׳וויל איז עס אַן ענין פּאַר פּראָסטע תהילים־יידן און פּאַר ווייבער, און פּאַרטוט אין דעם דאָזיקן ספר זיין גאַנצע לומדות, זיין גאַנצע בקיאות און זיין גרויסן כשרון פון אַ מחבר. — דאָס ווייזט אויף אַ ראַדיקאַלן פּערזענלעכן דרך. אין דעם דאָזיקן ערשטן „אַרויספּאַר“ איז שוין פּאַראַן אַן אויסגעשפּראָכענער אייגנאַרטיקער צוגאַנג סיי צו תורה, סיי צו לומדות, סיי צו פרומקייט. דאָס באַווייזט, אַז דער דאָזיקער יונגער למדן האָט העכער געשטעלט די פּשוטע גוטע מידה פון ניט ריידן קיין לשון הרע, פּאַר די הויכקלינגענדיקע ספרים פון שאַרפזיניקן פּלפּול, און אַנשטאָט ער זאָל באַרייכערן די אַזוי אויך גרויסע פּילפּול ליטעראַטור מיט נאָך אַ פּילפּול ספר, האָט ער זיך בעסער אַוועקגעזעצט און אָנגעשריבן איינעם וועגן לשון הרע און רכילות. איידער, הייסט עס, ער זאָלווידמענען זיינע קענטענישן און זיין טאַלאַנט אַ רעדוצירטער גרופּע פון לומדים און בני תורה, וואָס האָבן הנאה פון האָרשפּאַלטנדיקע חקירות און קאָפּשווינדלדיקן פּילפּול, וועט ער בעסער ווידמענען זיינע קענטענישן און זיין טאַלאַנט דעם ברייטן פּאָלק און דער טאָגטעגלעכער פרומקייט.

פּאַרשטענדלעך, אַז וועגן אַזעלכע זאַכן זעצט מען זיך ניט אַוועק פון פּאָראויס טראַכטן און חשבונען. קיינער קען פּאַר זיך ניט אויסטראַכטן און אויסחשבונען, צי ער זאָל ווערן אַ קאָפּמענטש צי אַ האַרץ־מענטש; צי ער זאָל זיך פּאַרנעמען אויפן וועג פון דער אָפּיציעלער, פּאָמפּיעזער רבנות, אָדער אויפן וועג פון תמימותדיקער פּאָלקס־פרומקייט, צי ער זאָל זיך ווידמענען דער טרוקענער, פּאָרמעלער און דאָגמאַטישער זייט פון דער אמונה,

אָדער דער האַרציקער, שפּרודלדיקער, עמאָטיוועער זייט אירער. אַזעלכע זאַכן טראַכט פאַר זיך קיינער ניט אויס, און אַז מ׳טראַכט כלומרשט, יאָ, טראַכט זיך יעדער אויס דעם וועג וואָס איז אים געאייגנט — און אויך ישראל מאיר פון ראַדין האָט זיך עס ניט אויסגעטראַכט. אויב ער האָט זיך, אַלס יונגערמאַן, אַוועקגע־זעצט און אָנגעשריבן אַ גאונישן ספר וועגן לשון הרע, איז דאָס געווען דער פאַר, וואָס ס׳האָט אים געצויגן דאָס צו טאָן, ס׳האָט אים געצויגן בעסער אויפצוקלערן און צו באַווייזן פאַרן פרומען פאָלק דעם חטא פון לשון הרע און רכילות, איידער אויפצושטעלן נאָך אַ לומדישן ספר, צו דער גרויסער צאָל אַזעלכע וואָס ס׳איז שוין געווען ביז אים. ווייל אָבער אַזוי, איז עס געווען אַ באַווייז און אַן אָנזאָג, אַז דער דאָזיקער יונגער גאון און וגדול בישראל, וועט שוין גאָר זיין לעבן גיין אויפן דאָזיקן וועג וואָס ער האָט זיך אָנגעצייכנט מיט זיין ערשטן ספר, אַז ער וועט שוין מער קיין מאָל ניט זוכן זיך צו גריבלען אין אַ שווערער סוגיא, זיך חקירהן אין אַ האַרבן רמב״ם אָדער אַרויסווייזן בריהשקייט אין אַ שווע־רער שאלות־נשים, נאָר ער וועט ווידמענען זיין לומדות פראַגן פון אַלטעגלעכער פרומקייט און ערלעכקייט. און אַזוי איז עס געווען.

5. דעם חפץ חיימס שעדעווער — משנה ברורה, און דער שולחן־ערוך פון תהילים־אידן

דער צווייטער ספר דעם חפץ חיימס, איז געווען אַ פירוש אויפן שולחן־ערוך אורח חיים — משנה ברורה. — ניט קיין פירוש אויף יורה דעה, ניט אויפן אבן עזר, ניט אויפן חושן משפט, נאָר אויפן אורח חיים. די ערשטע דריי שולחן ערוכס זיינען אַ קעגנשטאַנד פון פראָפעסיאָנעלער לומדות, פון רבנישער לומדות, און דער חפץ חיים האָט מיט דעם קיין ספּעציעלע שייכות ניט געהאַט. אמת, ער האָט געלערנט און געקענט אַלע שולחן ערוכס, פונקט ווי ער האָט געלערנט און געקענט גאַנץ ש״ס, און פוסקים און אַלע מפרשים, ראשונים און אחרונים, און ספרא און ספרי און תוספתא און מכילתא און דעם רמב״ם און די מדרשים און אַלץ וואָס איר ווילט נאָר, מחמת דאָס אַלץ איז תורה — תורה מסיני... דאָך האָט ער די דריי רבניש־

אַריסטאָקראַטישע שולחן ערוכס געלערנט ווי אַ דילעטאַנט, אַזוי צו זאָגן, ווי אַ זייטיקער, אין זיין ספעציאַליטעט זיינען זיי ניט אַריינגעגאַנגען, דאָס איז ניט געווען זיין געביט, זיין געביט איז יאָ געווען דער שולחן ערוך אורח חיים, דער פאָלקס שולחן ערוך, דער שולחן ערוך וואָס איז נוגע דער טאָגטעגלעכער הנהגה פון אַלעמען, דער ש״ע וואָס אַלע יידן דאַרפן אים לערנען, קענען און מקיים זיין. דער דאָזיקער שולחן ערוך, דער שולחן ערוך פון תהילים־ייד, דער דעמאָקראַטישער ש״ע, דאָס איז געווען דעם חפץ חיימס סטיכיע, זיין ליידנשאַפט, זיין גרויסע און איינציקע לעבנס־ליבע. און דער פירוש וואָס ער האָט געמאַכט אויפן דאָזיקן שולחן ערוך, איז מיט אַן אמת אַ מוסטער און שטייגט איבער, אין אַלע הינזיכטן, די אומגעהויער גרויסע צאָל פירושים ביז אים.

אין משנה ברורה, פונקט ווי אין „החפץ חיים״, איז פאַראַן אומגעוויינלעכע בקיאות, אַ ים פון בקיאות, בקיאות אָן אַ שיעור. און אויך די קלאָרקייט און סיסטעמאַטישקייט איז די זעלבע וואָס אין ערשטן ספר, — אַ דורכזיכטיקע קלאָרקייט, אַ לויטערע, אַזאַ וואָס דרינגט אַריין אין זכרון און בלייבט דאָרט איינגעקריצט.

דער „משנה ברורה״ האָט געהאַט נאָך אַ גרעסערן דערפאָלג ווי דער „החפץ חיים״. ער איז זיך צעגאַנגען אין אַ סך צענדליקער טויזנטער עקזעמפלאַרן, און האָט פאַרטאָפלט דעם רום, אַנזען און פאַרמעגן פון זיין מחבר. פון דעמאָלט אָן האָבן זיך דעם חפץ חיימס ספרים אָנגעהויבן זעצן אין אייגענע זעצערייען.

דער משנה ברורה איז געווען דעם חפץ חיימס ליבלינג־ספר. ער האָט אים זיין גאַנץ לאַנג לעבן ניט אַרויסגעלאָזט פון זיינע הענט. אין עלטער פון 83 יאָר, ווען איך האָב געלערנט אין ראַדינער ישיבה, פלעגט ער נאָך יעדן אינדערפרי נאָכן דאַוונען לערנען דעם משנה ברורה מיט אַ גרופע ישיבה בחורים. ער פלעגט פירזאָגן אַ סעיף שולחן ערוך און נאָכדעם פלעגט ער צוגעבן: „לאָמיר זען וואָס דער משנה ברורה זאָגט״ און פלעגט זיך אַליין לערנען.

און עס איז קיין וואונדער ניט פאַרוואָס דער חפץ חיים האָט ליב געהאַט זיין פירוש אויפן שולחן ערוך אורח חיים, מער ווי די אַנדערע ספרים זיינע. פאַרן חפץ חיים איז דער ש״ע אורח חיים געווען דאָס יידישע גרונטבוך, דער יידישער ספר

המעשה. אין אים איז געווען קאָנצענטרירט די גאַנצע פּ ר אַ ק־ ט י ש ע ת ו ר ה. אינעם דאָזיקן ש״ע איז געווען אויסגע־אַרבעט ביז די קלענסטע דעטאַלן, ווי אַזוי אַפרומער ייד דאַרף זיך נוהג זיין אין זיין יעדן קער און ווענד.

דער דאָזיקער שולחן ערוך איז געווען דאָס פולשטענדיקע האַנטבוך פון פּראַקטישער פרומקייט. — איז וואָס האָט נאָך געקענט זיין וויכטיקער פון דעם! פאַרן חפץ חיים איז דער ש״ע אורח חיים געווען דער ספר פון די ספרים, וואָרים אין אים איז געווען קאָנדענסירט דער תמצית פון אַלע — אַלע יידישע ספרים, אַלע ספרים זיינען געווען בלויז טעאָרעטישע תורה, און בלויז דער איינער איז געווען פּראַקטישע תורה. דאָס אַלץ וואָס איז אין תורה שבכתב געווען אָנגעצייכנט אין ברייטע, אומקלאָרע שטריכן און וועלכעס איז אין תורה שבעל פה דיסקוטירט, באַ־אַרבעט און דעפינירט געוואָרן, און וועלכעס איז נאָכדעם אין משך פון פופצן יאָרהונדערטן באַפּילפּולט און באַפּשטלט געוואָרן פון דורות און דורות רבנים און לומדים, אָט דאָס אַלץ איז אין אורח חיים אויסגעדריקט קאָנקרעט און קאַטעגאָריש: אָט דאָס איז עס, אַזוי און אַזוי דאַרף מען טאָן. אַלע ספרים זיינען געווען מיטל, און בלויז דער איינער איז געווען — ציל, יענע זיינען געווען בלויז פאַרשונג, און ד ע ר איז געווען די שלוסן און די אויספירן פון דער פאַרשונג. דער אורח חיים איז געווען דער לעצטער סך הכל פון צוויי טויזנט יאָר טעאָרעטישער תורה.

פאַרן חפץ חיים איז דער שולחן ערוך געווען דאָס גרעסטע בוך אויף דער וועלט. אָן דעם שולחן ערוך וואָלט די וועלט קיין זין ניט געהאַט. פאַר אים האָט עס געהייסן אַז צוליבן ש״ע איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן, און אַז אים וואָלט די וועלט אונ־טערגעגאַנגען. מקיים זיין וואָס אין שולחן ערוך שטייט, דאָס איז דער העכסטער לעבנס־ציל פון יעדן יידן (ד. ה., פון יעדן מענטשן). אויב דער מענטש איז מענטש (ייד איז ייד), איז עס נאָר אַדאַנק דעם שולחן ערוך. אָן אים, אָן ש״ע, וואָלט דער מענטש געוואָרן אויס מענטש און די וועלט אויס וועלט, אַלץ וואָלט אַראָפּגע־זונקען צו אַ נידעריקערער מגושמדיקער מדרגה...

קיין אַנדער פרומקייט אויסער די פון שולחן ערוך איז פאַר ר׳ ישראל מאיר פון ראַדין ניט געווען. די שולחן ערוך פרומקייט איז געווען דער אלף און תיף פון דער יידישקייט. ישראל מאיר

בר׳ אריה זאב הכהן פון ראַדין איז מחמת דעם געווען דער „ווידעראַנטדעקער" פון שולחן ערוך. כאָטש דער ש"ע האָט שוין עקזיסטירט אַ היבש ביסל צייט פאַר אים, דאָך האָט ער אים פון דאָסניי „אויסגעפונען", — ער האָט אים אויסגעפונען אויף אַזויפיל אויף וויפיל ער האָט זיין גאַנץ לאַנג לעבן אָפּגעגעבן דער לערנונג און פאַרשפּרייטונג פון שולחן ערוך אורח חיים. זיין לעבנסקאַמף איז געווען געווידמעט דער שולחן ערוך־יידישקייט. דער ש׳ע־יידישקייט האָט ער אָפּגעגעבן גאָר זיין ענערגיע, גאָר זיין טאַלאַנט און גאָר זיין גאונות. זיבעציק יאָר צייט, און אפשר נאָך מער, האָט דער דאָזיקער ייד, טאָג־איין, טאָג־אויס, ניט גערוט, נאָר געאַרבעט צו „באַקערן" די יידן צום שולחן ערוך. אויף דעם געביט האָט ער צו זיך קיין גלייכן ניט. קיינמאָל האָט קיין שום גרויסער רעליגיעזער ייד ניט געאַרבעט מיט מער אייפער, מער עקשנות און מער טאַלאַנט, אַריינצוברענגען די פשוטע פרומקייט צווישן פאָלק, ווי דאָס האָט געטאָן רב ישראל מאיר פון ראַדין.

אָט דערין און נאָר דערין איז באַשטאַנען זיין גרויסקייט, אָריגינעלקייט און אייגנאַרטיקייט, — ער איז געווען אַ גרויסער פרומער ייד, אַ גרויסער ייד אין ברייטסטן זינען פון וואָרט. אַלץ וואָס האָט אַראָפּגענויגט פון דער גרויסער, גענעראַלער ליניע פון פרומקייט איז אים געווען פרעמד. ס׳איז אים געווען פרעמד יעדער איבערמאָסיקע גייסטיקייט. דערפאַר, ווי געזאָגט, איז ער ניט געווען ניט קיין הייליקער און ניט קיין נזיר, ניט קיין פרוש און ניט קיין לאַמעדוואָווניק, ניט קיין יושב אוהל און ניט קיין בעל מופת, מחמת דעם האָט ער ניט געפּראַוועט קיין סיגופים און ניט געפאַסט קיין תעניתים, ניט געפּראַוועט קיין התבודדות און ניט געפלויגן אין הימל אַריין, — ער האָט דאָס אַלץ אַליין ניט געטאָן און האָט עס קיינעם ניט געהייסן טאָן. פון קיין שום איבערמאָסיקער צידקות האָט דער חפץ חיים ניט געהאַלטן. אַ מענטש דאַרף זיין אַ מענטש. אַ מענטש דאַרף ניט אַנטלויפן פון דער וועלט, אַ מענטש דאַרף אַרבעטן און מפרנס זיין זיין משפחה, אַ מענטש דאַרף זיך פירן ערלעך, דאַרף ניט זאָגן קיין ליגנס, דאַרף ניט ריידן קיין לשון הרע, אַ מענטש דאַרף געבן צדקה, דאַרף זיין גוט און פרום. מיט איין וואָרט: אַ מענטש דאַרף אָפּהיטן אַלץ וואָס אין שולחן

ערוך שטייט — ניט מער און ניט ווייניקער. ניט זיין קיין מלאך און ניט קיין שד, ניט קיין אויבער־מענטש און ניט קיין אונטערמענטש, נאר בלויז א מענטש.

אט דעם דאזיקן דרך האט פארקערפערט דער חפץ חיים אין זיין פערזאן. און אין זיין אידעע. אט פאר דער דאזיקער קערנדיקער, געזונטער, ברייט־ליניקער און ברייט־מאזיקער פרומקייט, האט ער געקעמפט זיין גאנץ לאנג לעבן. און געקעמפט האט ער דערפאר מיט מאניע און ליידנשאפט, מיט עקשנות, אייפער און איינגעשפארטקייט. פון קיין עקסטרעמער, איבערמאסיקער פרומקייט און צידקות האט ער טאקע ניט געהאלטן, אבער פאר דער מאסיקער פרומקייט, האט ער געקעמפט בלב ונפש. ער איז ניט געווען קיין אויבער־ייד, אבער אויך ניט קיין פארעווער ייד. ער איז געווען א ה י י ס ע ר ש ו ל ח ן ע ר ו ך ־ י י ד. דאס אלץ וואס איז געווען חיוב, דאס אלץ האט אים געבריט און איז אים שטארק אנגעגאנגען אז אלע יידן זאלן עס אפהיטן. און האט ער געהערט אז יידן זיינען ניט פרום, אדער האט געזען פון א יידן א ניט־פרומקייט, האט עס אים אזוי ווי געטאן און ער האט דערפון אזוי טיף־אויפריכטיק געליטן, ווי ער אליין וואלט געווען דער זינדיקער.

און אט דעם ברייטן, איינפאכן דרך האט ער אריינגעבראכט אין זיינע ספרים. דערפאר זיינען זיי קלאר, דערפאר זיינען זיי קאנצענטרירט און געדיכט אין זייער אינהאלט, און דערפאר, אויך, האבן זיי אויסגענומען און געהאט א ווירקונג. דער לערנער פון די ספרים האט גלייך דערפילט, אז דער מחבר ווייס וואס ער וויל און אז ער וויל זייער ערנסט דער לערנער זאל מקיים זיין וואס אין די ספרים שטייט. מהאי טעמא איז דער משנה ברורה דעם חפץ חיימס הויפט־ספר, ווארום ער איז דער פירוש אויפן יידישן ספר המעשה. דורך דעם משנה ברורה האט דער חפץ חיים באלעבט דעם שולחן ערוך. און כאטש דער משנה ברורה איז ניט מער ווי א פירוש אויפן שולחן ערוך, א פירוש ווי א סך אנדערע וואס זיינען געמאכט געווארן פאר אים, דאך איז ער ניט בלויז אזעלכער, ווארום סיי דורך דער וואגיקייט פון דעם דאזיקן פירוש, סיי דורך דעם לעבנס־קאמף וואס דער מחבר האט געפירט צו פארשפרייטן און פאפולער מאכן דעם ש"ע אורח חיים, איז ער גע־

וואָרן אַ שותף צום שולחן ערוך גופא. עס איז, סוף־כל־סוף, באַרעכטיקט, אַז דער יעניקער וואָס ווידמעט זיין לעבן פאַר דער פאַרשפּרייטונג, באַלייכטונג, און פּאָפּולער־מאַכונג פון אַ באַשטימטן ווערק, אַז ער זאָל באַטראַכט ווערן אַלס דער מיט־שאַפער פונעם דאָזיקן ווערק, אַלס דער צווייטער מחבר זיינער. דער חפץ חיים האָט אַזוי שטאַרק געפילט דאָס אַלץ וואָס שטייט אין שולחן ערוך, ער האָט דעם אינהאַלט זיינעם זיך אַזוי פיל פאַראייגנט, ער האָט עס אַנגעגאָסן מיט אַזויפיל אייגן בלוט און גייסט, אַלצאיינס ווי דאָס וואָלט געווען זיינע אַ פּער־זענלעכע שאַפונג.

6. אַ קורצע אויפקלערונג.

דער וועלטלעכער לייענער וועט זיך וואונדערן: וואָס ווערט דאָ דער שרייבער פון די שורות, אַליין אַ וועלטלעכער מענטש, אַזוי נתפּעל און פאַרגייט זיך אין ליבע צו אַן אַלטן פאַנאַטישן יידן, ביי וועמען אַזאַ ריטואַל־בוך ווי דער שולחן־ערוך איז גע־ווען דאָס גרעסטע בוך פון דער וועלט און פאַר וועמען דער יעניקער, וואָס האָט ניט מקיים געווען וואָס אין דאָזיקן בוך שטייט, איז געווען אַ נידעריקערער סאָרט מענטש פאַר דעם וואָס האָט יאָ מקיים געווען — פון וואָס איז דאָ דאָ נתפּעל צו ווערן און אַריינפאַלן אין באַגייסטערונג?

דערויף וועלן מיר ענטפערן אָט וואָס: משפּטן מענטשן און משפּטן גלויבנס, זיינען צוויי גאַנץ באַזונדערע זאַכן. משפּטן ר ע ל י ג י ע ז ע מ ע נ ט ש ן און משפּטן ר ע ל י ג י ע, דערצו פאָדערט זיך צוויי פאַרשיידענע קריטעריומס. מיר קאָנען האָבן וועגן רעליגיע וואָס פאַר אַ מיינונג מ׳וויל, און דאָך זאָל מען ניט קענען אָפּלייקענען דעם פאַקט, אַז ערלעכע פרומע מענטשן, לייגן אַריין אין זייערע גלויבונגען, דאָגמען, ריטואַלן, צערעמאָניעס און מיסטישע טאוונגען, די גרעסטע מאָס האַרציקע אויפריכטיקייט, די גרעסטע מאָס פּיעטעט און איידעלע, נאָבע־לע געפילן. מיר, די וואָס דענקען אַנדערש, מיר, די אומגלויביקע, קענען בלויז זאָגן, אַז זיי, די וואָס גלויבן יאָ, דענקען שלעכט, זיי האָבן פעלערהאַפטע איבערצייגונגען, אָבער אַז זיי פילן שלעכט, זיי האָבן פעלערהאַפטע געפילן, דאָס קאָן מען ניט,

מיר קאָנען בלויז זאָגן, אַז די אידעאָלאָגיע פון די דאָזיקע מענטשן טויג ניט, אָבער אַז זייער פּסיכאָלאָגיע טויג ניט, דאָס קענען מיר ניט זאָגן. דער אונטערשייד צווישן דעם אומרעליגיעזן נאָבעלן מענטשן און דעם רעליגיעזן נאָבעלן מענטשן, איז ניט קיין וועזנטלעכער, נאָר בלויז אַ פאָרמעלער, ניט זייער פּסיכישער תוך איז פאַרשיידן, נאָר די דענק־פאָרמען, דורך וועלכע דער פּסיכישער תוך זיך דריקט אויס, איז פאַרשיידן. דער ערלעכער רעליגיעזער מענטש, פּילט אָן אַלע מיצוות, אַפילו די וואָס זיינען הונדערט פּראָצענטיק מיסטיש, מיט זיין אינערלעכער ערלעכקייט און רעליגיאָזיטעט, ער באַוואָרטיקט זיי פון זיך אַרויס, ער גיסט זיי אָן מיט דעם דופט פון זיין נשמה, און די ווערטלאָזע מיסטישע טאַטן — וואָס זיינען אַזעלכע פאַרן ניט גלויביקן — ווערן פאַרוואַנדלט אין אמתע טוגנטן, וועלכע אַנטהאַלטן אין זיך די פיינסטע און איידלסטע עמאָציעס. דורך דער אידעע־קראַפט פון זיין גלויבן, קאָנצענטרירט דער פרומער מאָן די שענסטע געפיל־רעגונגען אויף טאַטן וואָס ער גלויבט אַז זיי זיינען געטלעך, און ווען ער פּראַקטיצירט זיי, לעבט ער איבער דאָס שענסטע און דערהויבנסטע. מיר, וואָס זיינען ניט באַווירקט פון דער דאָזיקער אידעע־קראַפט, קאָנען בלויז זאָגן, אַז דער געגעבענער מענטש האָט געמאַכט אַ טעות, מיט דעם וואָס ער האָט קאָנצענטרירט אַזויפיל שיינגעפיל אויף ווערטלאָזע טואונגען. דער פאַקט בלייבט אָבער אַ פאַקט, אַז דער געגעבענער מענטש האָט אַזוי געטאָן — ער האָט אַריינגעלייגט זיין גאַנץ געפיל־פאַרמעגן אין מיסטישע טואונגען און דורך דעם האָט ער זיי באַוואָרטיקט.

איין און דער זעלבער טאַט איז, פאַרן מענטשן וואָס באַוואָרטיקט עס דורך זיין גלויבן — אַ טוגנט, און פאַרן מענטשן וואָס באַוואָרטיקט עס ניט דורך גלויבן — אַ זינלאָזיקייט. דער אונטערשייד איז, בכן, אינעם ווערט פון די טאַטן און ניט אינעם ווערט פון די מענטשן. דער גלויביקער צדיק און דער ניט גלויביקער צדיק, פאַרמאָגן ניט קיין אַנדערע נשמות, אַפילו ניט קיין אַנדערע דענק־פעאיקייטן, נאָר בלויז אַנדערע געדאַנקען. געדאַנקען זיינען אַ רעזולטאַט פון דערציאונג, פון סביבה, פון צייט, פון לערע א. אַז. וו. וויפל רעליגיעזע צדיקים וואָלטן געווען וועלטלעכע צדיקים ווען זיי וואָלטן געבוירן געוואָרן מיט

עטלעכע הונדערט יאָר שפּעטער, און פאַרקערט, וויפיל וועלטלעכע צדיקים וואָלטן געווען רעליגיעזע צדיקים, ווען זיי וואָלטן געבוירן געוואָרן מיט עטלעכע הונדערט יאָר פריער! וויל מען דערקע־נען דעם צדיק, דאַרף מען גיין אין זיין לאַנד אַריין. אויב מיר וועלן משפּטן דעם פרומען מאַן פון אַפּיקורסישן שטאַנדפּונקט, וועלן מיר מאַכן אַ טעות: מירן מיינען אַז מיר משפּטן דעם געגעבענעם מענטשן, און צום סוף וועלן מיר גאָר משפּטן זיין אידעע. אויב מיר ווילן וויסן אויף ווי ווייט עס גרייכט די פרומ־קייט, די ערלעכקייט, די נאָבלקייט פון אַ פרומען מאַן, דאַרף מען זען אויף ווי ווייט ער איז מקיים ז י י נ ע מיצוות, ניט אונד־זערע. היט ער אויף אַן אמת אָפּ זיין תורה און זיינע מיצוות, ער איז זיין תורה און מיצוות איבערגעגעבן מיט קאָפּ און לייב און לעבן, ער איז זיך מוסר נפש פאַר זיי, קעמפט פאַר זיי, זעט זיי פּאָפּולער צו מאַכן, צו פאַרשפּרייטן און אויפצוהויבן זייער מעמד, איז עס אַ באַווייז, אַז דאָ האָבן מיר צו טאָן מיט אַן אמתן צדיק און גרויסן גייסטיקן מענטשן. דאָס וואָס פאַר דער וועלטלעכער געזעלשאַפט האָט זיין קאַמף קיין ווערט ניט, איז עס דער געזעלשאַפט שאָדן. פאַרן פּ ס י כ אָ ל אָ ג י ש ן א מ ת פון געשאַצטן אינדיווידע, איז עס גאַנץ אַלצאיינס צי די געזעלשאַפט האָט יאָ אַ נוצן פון די אידעאַלן פאַר וועלכע ער קעמפט, אָדער ניט. פאַרן פּסיכאָלאָגישן אמת איז וויכטיק בלויז איינס: אַז אין די ראַמען פון ז י י ן איבערצייגונג האָט דער דאָזיקער אינדיווידע געווידמעט גאָר זיין לעבן דעם קאַמף פאַר אידעאַלן וואָס ע ר האָט זיי געהאַלטן פאַר די העכסטע.

וויל מען גוט פאַרשטיין די באַדייטונג דערפון וואָס דער חפץ חיים האָט געווידמעט זיין לעבנס־קאַמף דער שולחן ערוך פרומקייט, מוז מען גוט נעמען אין אַכט, וואָס די ש״ע פרומ־קייט, האָט געמיינט פ אַ ר א י ם, ניט פאַר אונדז. פאַרן חפץ חיים איז די שולחן ערוך פרומקייט געווען דער העכסטער אידעאַל צו וועלכן אַ מענטש (אַ ייד) דאַרף שטרעבן. אויב ס׳איז פאַראַן אַ הויך מענטשלעכער לעבנס פּיר צו וועלכן יעדער איי־נער דאַרף שטרעבן, איז עס פאַרן חפץ חיים געווען דער לעבנס פּיר לויטן שולחן ערוך. יענע אַלע ווערטן וואָס אידעאַליסטישע מענטשן האָבן ווען עס איז אַרויסגעבראַכט אַלס שטרעב־פּונקטן פאַר דער מענטשהייט, האָט דאָס ר׳ ישראל מאיר פון ראַדין

איינגעזען אין דער שולחן ערוך פרומקייט. קיין העכערס, קיין שענערס, קיין בעסערס איז גאָר אין מענטשלעכן לעבן ניט געווען, ווי דאָס לעבן לויטן שולחן ערוך. אַזוי דאַרף מען די זאַך שאַצן. וואָרום אויב מירן שאַצן דעם ווערט פון חפץ חיים לויט דעם ווערט וואָס דער שולחן ערוך האָט פאַר אונדז, וועט עס הייסן, אַז מיר משפטן אים ניט לויט זיין שטאַנדפונקט, נאָר לויט אונדזער שטאַנדפונקט, און דאָס איז פאַלש געמשפט.

אויב מיר ווילן ריכטיק אָפּשאַצן דעם ווערט פון חפץ חיימס קאַמף פאַרן שולחן ערוך, דאַרף מען עס פאַרגלייכן צום קאַמף פון וועלטלעכן מענטשן פאַר פראָגרעס, פאַר סאָציאַלן יושר, פאַר וויסנשאַפט, פאַר קונסט. פאַר אונדז וועלטלעכע מענטשן, זיינען סאָציאַלער יושר, וויסנשאַפט און קונסט, די העכסטע גייסט ווערטן. פונקט ווי מיר שאַצן הויך דעם קעמפער פאַר גייסט ווערטן, וואָס זיינען אַזעלכע לויט אונדזער אָפּשאַצונג, אַזוי דאַרפן מיר אויך שאַצן הויך דעם קעמפער גייסט ווערטן וואָס זיינען אַזעלכע לויט זיין אָפּשאַצונג. דער אונטערשייד צווישן וועלטלעכן קעמפער, איז בלויז פון סאָציאַלן און פילאָזאָפישן שטאַנדפונקט, פון פסיכאָלאָגישן שטאַנדפונקט איז דאָ קיין שום אונטערשייד ניטאָ. מ׳איז דער זעלבער גרויסער גייסט־מענטש, אַלצאיינס צי די אידעאַלן פאַר וועלכע מ׳קעמפט האָבן אַ וועלט־לעכע פאָרעם, אָדער אַ רעליגיעזע פאָרעם — פאָרעם, ניט מער ווי פאָרעם, וואָרום דער פסיכישער אינהאַלט, דער עמאָטיווער תוך איז אונטערביידע פאָרמען דער זעלבער.

7. ספרים פאַר ווייבער און זעלנער.

דער חפץ חיים, ווי געזאָגט, איז געווען די לעבעדיקע פאַר־קערפּערונג פון אַלטעגלעכן שולחן ערוך, פון דעם שולחן ערוך וואָס אַלע יידן דאַרפן לערנען, קענען און אָפּהיטן. דאָס איז געווען זיין לעבנס־פּראָגראַם, זיין סאָציאַלע און וועלט אָנשוי־אונג. מיט דער פּאָפּולערער שולחן ערוך פרומקייט האָט ער גע־לעבט און געאָטעמט גאָר זיין לאַנגן לעבן, וועגן דעם האָט ער געזאָרגט און געדאגהט אַלע טאָג און אַלע שעה אין לויף פון העכער ניינציק יאָר. דערפאַר האָט ר׳ ישראל מאיר פון ראַדין זיך ניט באַנוגנט מיט בלויז איין מאָל קאָמענטירן דעם

ש״ע נאָר האָט, נאָכן משנה ברורה, נאָך געשריבן אַ ריי קלענערע ספרים וועגן פאַרשיידענע געביטן פון שולחן ערוך. ער האָט, הייסט עס, דאָס גאַנצע לעבן זיינס געהאַלטן אין איין קאָמענטירן דעם שולחן ערוך. אַזוי, למשל, האָט ער געשריבן אַ ספרל פאַר פרויען וועגן דער ריינקייט פון פאַמיליע־לעבן לויטן יידישן דין, געשריבן אַ ספרל פאַר יידישע זעלנער, ווי אַזוי זיי דאַרפן זיך פירן ביי מיליטער־דינסט לויטן יידישן דין, און אַזוי ווייטער. די דאָזיקע צוויי ספרימלעך, און אַנדערע פון דעם סאָרט וואָס איך געדענק ניט, זיינען איבערגעזעצט געוואָרן אין מאַמע־לשון, אין יידיש, כדי זיי צו מאַכן צוטריטלעך פאַר דעם סאָרט לייענער וואָס זיי זיינען געשריבן געוואָרן: פאַר ווייבער, פאַר זעלנער — פאַרן ברייטן פאָלק.

ווער פון די ערשטראַנגיקע לומדים ביי יידן, האָט זיך דען, ווען עס איז, „אַראָפּגעלאָזט" צו דער מדרגה פון שרייבן ספרים פאַר ווייבער און זעלנער? קיינער ניט! דאָס האָט קיינמאָל ניט פּאַסירט, קיינמאָל האָט קיין ערשטראַנגיקער יידישער גאון, מיט אַזויפיל אומבאַגרענעצטער בקיאות און מיט אַזאַ בריליאַנטענעם שרייבערישן טאַלאַנט, זיך ניט פאַרנומען מיט אַזאַ „מינדער־וויכטיקער", „שפּלער" אַרבעט ווי שרייבן ווייבערשע און המונישע ספרים. דער חפץ חיים האָט דאָס יאָ געטאָן. ער איז מיט דעם געווען ניט נאָר אַ יחיד בדורו, נאָר אַ יחיד אין אַלע דורות לומדים און רבנים. און אָט דערין איז באַשטאַנען זיין גרויסקייט. ער איז געווען **דער איינציקער גאון פאַרן פאָלק, אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע.** געוויינלעך פלעגן זיך מיט שרייבן ספרימלעך פאַרן פאָלק, סיי די פּאָפּולערע מוסר־ספרימלעך, סיי די ספרימלעך וואָס זיינען נוגע למעשה, פאַרנעמען צענטראַנגיקע רבלעך, וואָס האָבן צו עפּעס העכערס ניט געקענט גרייכן, פלעגן זיי זיך קונה־עולם זיין מיט אָנשרייבן אַ פּאָפּולער מוסר־ספרל, מיט „באַהאַרצטע" מעשיות און משלים, אָדער אַ פּאָפּולער הלכה־ספרל. אָבער אַז אַן ערשטראַנגיקער גאון וגדול בישראל זאָל ווידמענען זיין גאונות דאָס באַלערענען און פרום מאַכן דאָס פּראָסטע פאָלק, דאָס איז אין דער יידישער געשיכטע ניטאָ קיין גלייכן צו אים. דאָס האָט נאָר ר' ישראל מאיר ראַדינער געטאָן. **ער האָט, אַזוי צו זאָגן, פורץ גדר געווען, ער האָט געבראָכן**

די איינגעשטעלטע טראַדיציע זינט לאַנגע דורות, אַז גאונות און לומדות מוז פאַרוועגדט ווערן נאָר אויף קאָמענטירן ש״ס אָדער דעם רמב״ם אָדער די רבנישע שולחן ערוכס, אָדער אין אָנזאַמלען דיקע טראַקטאַטן שאלות ותשובות, ער האָט געוויזן, אַז גאונות און לומדות קענען פאַרוועגדט ווערן אויך אין שאַפן ספרים פאַרן ברייטן פאָלק, ספרים, וואָס זאָלן זיין אי פאַרן המון עם און אי זאָלן זיין גאוניש.

8. דער ראַדינער איד ישראל מאיר.

און אַזוי ווי דער חפץ חיים האָט געשאַפן גאוניש און פשוט, אַזוי האָט ער אויך געלעבט גאוניש און פשוט. זיין לעבן און זיין ווערק זיינען זיך געווען פולקאָם אידענטיש. ער האָט קיינמאָל ניט פאַרנומען און ניט געוואָלט פאַרנעמען — נאָך אַלע פאַרשלאָגן וואָס זיינען אים געמאַכט געוואָרן — קיין שום אָפיציעלן אַמט. ער איז ניט געווען ניט קיין רב, ניט קיין מורה הוראה, ניט קיין ראש ישיבה, נאָר איז שטענדיק געווען און געבליבן אַ פּראָסט פשוטער ייד פון ראַדין — אַ ייד אַ פרומער, אַן ערלעכער, וואָס האָט געוואָלט פרומקייט און ערלעכקייט אַריינברענגען צווישן פאָלק און האָט מחמת דעם געשריבן ספרים און זיי פאַרקויפט און דערפון, פון אָט דער מלאכה צו זיין אַ מחבר פון גאונישע ספרים, מפרנס געווען זיך און זיינע בני בית.

איך זאָג „מלאכה״, מחמת דעם חפץ חיים האָט געפעלט דער שטאָלץ באַוואוסטזיין פון אַ מחבר פון גרויסע ספרים. ער האָט לחלוטין ניט געפילט זיין גרויסמענטשישקייט און זיין גרויסן פירסום אויף דער וועלט. זיין באַרימטקייט פון העכער אַ האַלבן יאָרהונדערט בכל תפוצות ישראל, האָט מיט גאָרניט באַאיינפלוסט זיין נאַטירלעכע באַשיידנקייט. ער האָט געקוקט אויף זיינע ספרים ניט ווי אַ שרייבער קוקט אויף זיינע אומשטערבלעכע ווערק, נאָר ווי אַ סופר סת״ם קוקט אויף די ספר תורות, תפילין און מזוזות וואָס ער כתיבהט אָן, ער האָט זיך אַליין געפילט מער ווי אַ קאָפּיסט פון זיינע ספרים, איידער ווי דער גרויסער פילבאַרימטער מחבר זייערער. יעדער סאָרט גרויסקייט און רום באַוואוסטזיין האָט קיין פּלאַץ ניט געהאַט אין

זיין כאַראַקטער וואָס איז געווען די באַשיידנקייט אַליין. בשום אופן איז עס צו אים ניט צוגעשטאַנען. זיין גייסט האָט ניט אַסי־מילירט אין זיך קיין שום שטאָלץ און גאווה, ווי אַ נאַטור־עלע־מענט אַסימילירט ניט אין זיך קיין צווייטן צו אים פיינטלעכן און קעגנזעצלעכן עלעמענט. ער איז געווען און געבליבן ניט מער ווי אַ פרומער ייד.

און זיינע ספרים? — זיי האָבן זיך אַליין געשריבן, זיי האָבן זיך אַליין פאַרפאַסט, ער האָט זיך ניט אָוועקגעזעצט זיי אויסטראַכטן. זיי זיינען אים געקומען אין קאָפּ אַריין און ער האָט זיי אויסגעדריקט, ער איז געווען טאַקע ניט מער ווי זייער „קאָפּיסט", זיי האָבן אינגוואַדירט זיין גייסט און ער האָט זיך פון זיי באַפרייט, ער איז פון זיי לויז געוואָרן. ניט ער האָט זיי גערופן, נאָר זיי האָבן אים גערופן. ער פלעגט שרייבן זיינע ספרים מיט אַ זעלטענער ספּאָנטאַנקייט, דערפאַר איז ער געווען אַזוי פּרוכטבאַר, און דערפאַר, אויך, האָט ער געפילט זיינע ספרים ווי זאַכן וואָס זיינען, מער אָדער ווייניקער, אַליין אַנט־שטאַנען, ער האָט נאָר טעכניש רעאַליזירט דאָס וואָס איז אויפ־געקומען און אַנגעגרייפּט אין זיין גייסט. אויף אַזויפיל האָט ער געפילט זיין שייכות צו זיינע ספרים — ווי דער בעל מלאכה זייערער. און ווי אַזעלכער האָט ער געוואָלט שכר טירחה, ווי אַזעלכער האָט ער געוואָלט פון זיינע ספרים ציען חיונה.

און ער האָט געצויגן. ער איז פון זיינע ספרים נתעשר געוואָרן. ער האָט געהאַט אייגענע זעצערייען אין וואַרשע, ווילנע און פּיעטריקאָוו.

אָבער אויך די עשירות איז צו אים ניט צוגעשטאַנען. די געשעפטן האָבן געפירט זיינע בני בית און ער האָט זיך צו זיי ניט געמישט. עס האָט זיך פון זיך אַליין, קען מען זאָגן, אָנגע־זאַמלט אַ פאַרמעגן. דעם חפץ חיימס ספרים זיינען זיך צעגאַנ־גען איבער דער גאַרער וועלט אין די צענדליקער טויזנטער עקזעמפּלאַרן. האָט מען אַלע מאָל געמאַכט נייע אויפלאַגעס און געלט איז געפלאָסן. אָבער דאָס געלט האָט צו אים ניט געגרייכט — ניט געגרייכט, ניט אין מאַטעריעלן זינען און ניט אין גייס־טיקן. ער האָט זיינע אַלע יאָרן אָפּגעלעבט אין דער זעלבער הילצערנער שטוב מיט דער קר־שטאָל, און האָט ניט צוגעלאָזט קיינע באַרייכערונגען. זיין מאַטעריעלער לעבנס־שטאַנדאַרט איז

געווען ווי פון אַ קליינעם ראַדינער באַלעבאָס און דערפון האָט ער ניט געוואָלט אָפּטרעטן. זיין פאַרמעגן איז געוואָקסן און ער האָט שטענדיק אָנגעהאַלטן דעם זעלבן לעבנס־ניוואָ, אַזוי אויסערלעך ווי אינערלעך.

אויך אינערלעך האָט אים זיין גבירהשאַפט מיט גאָרניט באַאיינפלוסט, ער איז קיינמאָל ניט געוואָרן קיין גביר אין דער פּסיכאָלאָגיע. אויך אין דעם פּרט איז ער געבליבן ביים ניוואָ פון אַ קליינעם ראַדינער באַלעבאָס. און אַזאַ איז געווען די מאָס זיינע פאַר צדקה, ווינציקסטנס איז דאָס געווען זיין פּערזענלע־כע מאָס. אפשר האָט דעם חפץ חיימס „פירמע" געספּענדעט גרעסערע סומען אויף צדקה־צוועקן, איז מיר ניט באַקאַנט. מיר איז אָבער יע באַקאַנט, אַז דער חפץ חיים פּערזענלעך, פון זיין קעש־געלט, פלעגט געבן צדקה ווי אַ קליינער ראַדינער קרע־מער. אַזעלכע זיינען געווען זיינע השגהס. איך האָב געהאַט די געלעגנהייט דאָס פעסטצושטעלן אין משך פון דעם זמן צייט וואָס איך האָב געלערנט אין ראַדין. מ׳האָט פאַר דער צייט עטלעכע מאָל דורכגעפירט זאַמלונגען און דעם חפץ חיימס באַ־שטייערונגען זיינען ווייט ניט געשטאַנען אויף יענער הויך וואָס מ׳האָט געקענט דערוואַרטן. זיינע השגהס אין געלט־זאַכן זיינען געווען זייער שמאָלע, און ס׳איז ניט אויסגעשלאָסן, אַז ער איז טאַקע בטבע געווען אַ ביסל אַ קאַרגער. עס וועט נאָך אונדז וועגן דעם אויסקומען עפּעס צו זאָגן. דאָ, אין דעם אָרט האָבן מיר גע־וואָלט אַרויסשטעלן דעם חפץ חיימס באַציאונג צו זיינע אייגענע ספרים און אָנווייזן, אַז סיי וואָס שייך דעם מאָראַלישן פאַר־מעגן וואָס זיי האָבן אים אַריינגעבראַכט, סיי וואָס שייך דעם מאַטעריעלן פאַרמעגן, זיינען זיי אים ביידע געבליבן פרעמד און האָבן ניט אָנגערירט זיין אינערלעכקייט. ניט דער אומפאַרגלייכ־לעכער רום זיינער אין דער יידישער וועלט און ניט זיין גרויס פאַרמעגן האָבן אויף אַ קוצי של יוד משפיע געווען אויפן כאַ־ראַקטער און לעבנס־פיר פון ר׳ ישראל מאיר ראַדינער. דער גייסט פון דאָזיקן יידן איז געווען ווי אויסגעהאַקט פון אַ שטיק גראַניט וואָס קיין שום אויסערלעכע אָנדראַנגען האָבן אים ניט געקענט רירן פון אָרט — ניט קיין שפּאַן רעכטס און ניט קיין שפּאַן לינקס. ער איז געגאַנגען זיין אָנגעצייכנטן לעבנס־וועג מיט אַ מערקווירדיקער אויסגעהאַלטנקייט און גאַנצקייט.

ס׳איז געווען אַ מין אינסטינקטיווע קראַפט וואָס האָט אים גע־פירט אין דאָזיקן וועג און קיין שום כוח האָט אים ניט געקענט מאַכן אָפּנויגן פון דעם דרך המלך פון זיין לעבן.

9. דער אַנאָנימער מוכר ספרים

אויף וויפיל דער חפץ חיים האָט זיך געפילט מיט זיינע ספרים מעשה זייטיקער מענטש, קען שאַפן אַ באַגריף פאָלגנ־דיקער עפּיזאָד:

אין די ערשטע יאָרן פלעגט דער חפץ חיים אַליין אַרומ־פאָרן איבער יידישע שטעט און שטעטלעך פון פוילן און ליטע פאַרקויפן זיינע ספרים. דעם חפץ חיימס נאָמען איז שוין דע־מאָלט געווען מפורסם אויף דער וועלט. איינמאָל אין אַ שטעטל וואו דער חפץ חיים איז געקומען מיט זיינע ספרים, איז ער אין אַן אינדערפרי געזעסן אין בית מדרש און געלערנט. ס׳איז געווען אין אַ טאָג פון קריאת התורה. אין בית מדרש האָט געדאַוונט דער צווייטער מנין. ס׳איז געקומען צו לייענען די פּרשה פון דער וואָך און מ׳האָט באַדאַרפט אויפרופן אַ כהן. דער שמש נעמט זיך נאָכפרעגן ווער ס׳איז אַ כהן און ס׳איז ניטאָ קיין כהן. מען פרעגט ביי דעם, ביי יענעם — ניין, ניט קיין כהן. גיט מען אַ פרעג ביים יידן וואָס פאָרט אַרום מיטן חפץ חיימס ספרים:

— ר׳ ייד, איר זייט אפשר אַ כהן?

זאָגט דער ייד:

— יאָ.

— ווי רופט מען אייך אויף? — פרעגט דער שמש.

— ישראל מאיר בר׳ אריה זאב.

— ווי אַזוי, ישראל מאיר בר׳ אריה זאב?! דאָס זייט איר אַליין דער בעל החפץ חיים?!

— יאָ.

אַזוי אַרום זיינען יידן געוואָר געוואָרן אַז דער מו״ס פון חפץ חיימס ספרים איז טאַקע ניט קיין אַנדערער ווי ער, דער חפץ חיים, אַליין.

וועט מען אפשר זאָגן, אַז דאָס איז קיין חריפות ניט, ד[illegible] ניט אויסגעבן זיך אַלס מחבר פון אַ באַרימטן ספר איז ניט קיין

זעלטנקייט און אַז גאַנץ אָפט שטעקט אין דעם אָנשטעל, אַז אין האַרצן וויל אַזאַ נסתר מ׳זאָל אים אַנטדעקן און טאָפּל באַ־וואונדערן: אי פּאַר זיין ספר און אי פאַר זיין עניוות. קען עס זיין ריכטיק לגבי אַלע נסתרים און עניווים פון דער גאַנצער וועלט, נאָר ניט לגבי דעם חפץ חיים. ווער עס האָט דעם חפץ חיים געקענט פון דער נאָענט, דער וועט צוגעבן אַז לגבי דעם ח״ח קען מען דעם פאַקט אַזוי ניט אויסטייטשן, מחמת דעם חפץ חיימס כאַראַקטער איז געווען הימל־ווייט פון יעדן מין אָנשטעל און געמאַכטקייט. דאָס וואָס ער האָט געטאָן האָט ער געטאָן מיטן גאַנצן האַרצן און מיט דער גאַנצער אָפנקייט. אַזוי ווי ער האָט געפילט, אַזוי האָט ער געזאָגט און אַזוי האָט ער גע־האַנדלט. אַריינלייגן אין זיינעם אַ טאַט אַפילו דעם מינדסטן חשד פון אַ היטער־כוונה אָדער אָנשטעל, פּאַסט זיך שרעקלעך ניט. דאָס וואָלט אָנגעגריפן דעם סאַמע יסוד פון חפץ חיימס כאַראַקטער. אויב דער חפץ חיים האָט זיך ניט אויסגעגעבן אַלס דער מחבר פון זיינע באַרימטע ספרים, איז עס ניט געווען דער־פאַר וואָס ער האָט געמאַכט דערפון אַ טיפן סוד, וועלכן מ׳טאָר ניט מגלה זיין, נאָר ער האָט עס ניט געטאָן דערפאַר, מחמת לויט אים איז אויסגעקומען, אַז ס׳איז ניטאָ דאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען, ס׳איז ניטאָ וואָס מגלה צו זיין. — נו, און אַז דער מחבר איז וואָס? ווען אַן אַנדערער ייד וואָלט געוואָלט, וואָלט ער געווען דער מחבר...

אַזוי פאַרטייטש איך מיר דעם דערציילטן פאַקט, אויב ער איז פאַקטיש אמת, און אויב ער איז פאַקטיש ניט אמת, איז ער פסיכאָלאָגיש אמת. און טאָמער זיינען דאָ יידן וואָס האָבן געהערט דערציילן די זעלבע מעשה וועגן ז י י ע ר שטעטלשן צדיק, מאַכט עס אויך ניט אויס. פאַר ישראל מאירן פון ראַדין איז די מעשה ווי אָנגעמאָסטן.

10. דעם חפץ חיימס „ניסים״...

אין דעם נוסח פון דער דערציילטער מעשה, האָב איך צו דערציילן פון חפץ חיים עטלעכע „קלייניקייטן״, צו וועלכע איך האָב זיך צוגעקוקט אין משך פון דעם זמן צייט וואָס איך האָב

געלערנט אין דער ראַדינער ישיבה. איך האָב געוואָלט זען און הערן מער, אָבער איך האָב ניט געהאַט קיין מעגלעכקייטן דערצו. איך בין געווען אַ יונג, אומבאַדייטנדיק ישיבה בחורל, אויף וועלכן קיינער האָט ניט געלייגט קיין אַכט און האָב ניט געהאַט קיין שום צוטריט צום חפץ חיימס הויז, אָפגערעדט אַז ער האָט מיט מיר פערזענלעך קיינמאָל ניט גערעדט. דאָס וואָס איך האָב געזען און געהערט, דאָס האָבן אַלע געזען און געהערט, ניט מער, קיינער האָט ניט געלייגט קיין אַכט דערויף, און איך האָב יאָ געלייגט אַכט דערויף. בכלל איז צום חפץ חיימס פערזאָן געווען אַ גלייכגילטיקע באַציאונג, אַזוי מצד די שטעטלשע יידן, אַזוי מצד די ישיבה בחורים און אַזוי מצד זיין אייגענער משפחה. מען האָט זיך אויף אים כמעט ניט אומגעקוקט. איך האָב עס ניט פאַרשטאַנען. איך פערזענלעך האָב זיך פון דער ערשטער מינוט אָן געפילט צוגעצויגן צו דעם דאָזיקן טייערן אַלטן יידן, וואָס איז געווען די תמימות אַליין. סיי זיין ריידן, סיי זיין באַנעמען זיך, סיי זיינע אַלע מעשים, האָבן געאָטעמט מיט גוטסקייט און פשוטקייט. אַפילו אין זיין בייזערן זיך, וואָס ער פלעגט אַמאָל טאָן, איז אויך געווען גוטסקייט. ריידן פלעגט ער מיט אַ פול מויל, פלעגט צונויפנעמען די דיקע ליפּן, אָנשטעלן די גוטע בלויע אויגן אויף אייך און פלעגט אַרויסריידן די ווערטער שאַרף און פול, מיט דער גאַנצער מויל און מיטן גאַנצן האַרצן.

אויף וויפיל איך האָב נאָר געקענט, האָב איך געזוכט אונטערצוקוקן און אונטערצוהערן וואָס דער חפץ חיים טוט און וואָס ער רעדט. איך האָב קיין איין „שמועס" זיינעם ניט דורכגעלאָזט ניט ווען ער האָט גערעדט אין „מויער" און ניט ווען ער האָט גערעדט ביי זיך אינדערהיים. טאָמער פלעג איך אים זען אין גאַס מיט אימיצן ריידן, פלעג איך זיך באַלד אונטערגאַנווענען און וועלן הערן וועגן וואָס ער רעדט. איך האָב זיך אויך געהאַלטן אין איין נאָכפערגן ביי ישיבה בחורים, וואָס ווייסן זיי צו דערציילן וועגן חפץ חיים. אָבער קנאַפּ וואָס האָבן זיי געוואוסט. אַפילו דעם חפץ חיימס אייניקלעך (דריי זין פון געוועזענעם שווענציאַנער רב ר' אהרן, דעם ח"ח אַן איידעם, מיט וועלכע איך האָב געגעסן אויף איין סטאַנציע, ביי פריידעלען), האָבן גאַנץ קנאַפּ געהאַט צו דערציילן פון זייער גרויסן זיידן. צוויי פון די דאָזיקע דריי אייניקלעך, זיינען געווען

פוסטע בחורים. דער דריטער, יאָסל, יאָ אַ גייסטיקער טיפּ, פלעגט אויך ווייניק ריידן פון זיין גרויסן זיידן.

און ס'איז ניט קיין וואונדער. אויף האָבן עפּעס צו דער־ציילן פון חפץ חיים, האָט מען באַדאַרפט האָבן אויער און אויג און שכל פאַר בלויז „געוויינלעכע", טאָגטעגלעכע זאַכן, ווארום קיין ניסים האָט מען פון חפץ חיים קיינמאָל ניט געזען. דער חפץ חיים איז ניט געווען קיין בעל מופת. זיינע „ניסים" און זיינע „מופתים" זיינען געווען גאָר פון אַן אַנדער סאָרט, ווי די וואָס ווערן נאָכדערציילט צווישן פאָלק. אין דעם פּרט איז העכסט כאַראַקטעריסטיש, אַ וואָרט וואָס איך האָב געהערט אין ראַדין אין נאָמען פון חפץ חיימס זון ר' לייב, וועלכער פלעגט אין די פריערדיקע יאָרן אָנפירן מיט זיין פאָטערס געשעפטן.

מ'האָט דערציילט, אַז ווען ר' לייב איז איינמאָל געקומען קיין וואַרשע פונוועגן די געשעפטן, פון ח"חס ספרים, האָבן חסידים זיך דערוואוסט, אַז דעם חפץ חיימס זון איז דאָ און זיינען אַוועק צו אים זיך נאָכפרעגן אויף זיין טאַטנס גרויס־קייט. קומען זיי צו אים און פרעגן אים: „מ'זאָגט אַז אייער טאַטע איז אַ גרויסער צדיק, דער גרעסטער צדיק אין דער וועלט, וואָלטן מיר געוואָלט איר זאָלט אונדז דערציילן פון אים עפּעס אַ מופת. פון אונדזערע גרויסע חסידישע רבים האָבן מיר צו דערציילן מופתים אויף מופתים, דערציילט־זשע אונדז עפּעס אַ מופת פון אייער טאַטן".

האָט זיי ר' לייב געענטפערט אַזוי:

— אייערע רבים ניסים באַשטייט אין דעם וואָס גאָט פאָלגט וואָס דער רבי זאָגט, און מיין טאַטנס ניסים באַשטייען אין דעם וואָס ער פאָלגט וואָס גאָט זאָגט.

און מיט אַן אמת, — קיין אַנדערע ניסים האָט דער חפץ חיים ניט באַוויזן און ניט געוואָלט באַווייזן. דער איינציקער „נס" וואָס דער חפץ חיים האָט באַוויזן איז געווען דער וואָס ער האָט אויף אַ וואונדערלעכן אופן מקיים געווען דאָס וואָס גאָט זאָגט. דאָס איז געווען דער גרויסער לעבנס־נס פון ר' ישראל מאיר ראַדינער. אָט דעם דאָזיקן „נס" האָט ער געהאַלטן אין איין באַווייזן אַלע טאָג און אַלע יאָר אין משך פון קנאַפּע הונדערט יאָר לעבן. פאַרשטענדלעך, אַז דער דאָזיקער „נס"

איז גרעסער פאַר יענע ניסים און מופתים. ווייניק פאַרשטייען זיך אָבער אויף דעם.

11. ווי אַזוי דער חפץ חיים האָט „געגעבן אַ ברכה" און „גענומען אַ פּידיון".

איינמאָל, אינמיטן זמן איז געקומען אַ יידענע פון אַ נאָענטן ישוב צום חפץ חיים נאָך אַ ברכה. איר טאָכטער איז אַוועק מיט אַ שייגעץ און זי גייט מיט אים חתונה האָבן. די טאָכטער איז אַ וואוילע, אַ גוטע, אַ שיינע, אַ געראָטענע — אַ טאָכטער מיט אַלע מעלות. האָט איר, דער מאַמען, באַדאַרפט טרעפן אַזאַ אומגליק, זי וועט עס ניט אויסהאַלטן. איז זי געקומען צום הייליקן צדיק, ער זאָל איר העלפן.

די יידענע, אַ פּשוטע, אויסגעהאָרעוועטע פאָלקס־פרוי שטייט פאַרן אַלטן חפץ חיים און צעגייט זיך אין טרערן. מ׳זעט באַשיינפּערלעך ווי אַזוי דער גוטער אַלטער ייד ווערט צענומען פון צער און פילט־מיט מיט דער ליידנדיקער מאַמען פון גאַנצן האַרצן.

— אָבער וואָס קען איך אייך טאָן, יידענע, בעט ער זיך ביי איר. — גאָט זאָל אייך העלפן, גאָט זאָל אַריינברענגען אייער טאָכטער די ריכטיקע דעה זי זאָל זיך אומקערן צוריק צו אייך. — נאַרישע קינדער, וואוהין לויפן זיי! לאָזן איבער יידישע טאַטע־מאַמע און לויפן צו גוים! השי״ת זאָל אייך העלפן, יידענע, און אייער קינד זאָל זיך צוריקקערן צו אייך. וואָס קען איך טאָן? איך קען גאָרניט טאָן...

— אָבער, רבי, אפשר אַ...

— איך קען גאָרניט טאָן, יידענע, גאָט זאָל אייך העלפן.

די אָרעמע פרוי איז ניט געווען צופרידן פון דעם אופן ווי אַזוי דער חפץ חיים האָט דערליידיקט איר ענין. אָבער זי האָט קיין ברירה ניט געהאָט און זי איז אַוועק. פאַרן אַוועקגיין האָט זי איבערגעלאָזט ביים חפץ חיים אויפן טיש אַ געוויסע סומע געלט. דער אַלטער ח״ח האָט דאָס, ווייזט אויס, אויפן מאָמענט ניט באַמערקט און האָט זיך געכאַפּט ערשט שפּעטער. האָט ער אויפגעהויבן אַ טומל:

— וואו איז די יידענע? גייט רופט שוין צוריק דער יידענע! אַזאַ איינפאַל!

עמיצער פון די שטוביקע איז אַרויס רופן צוריק דער פרוי. יענע האָט געמיינט מי יודע וואָס ס׳האָט געטראָפן: אפשר איז עס צו ווייניק געלט, אפשר האָט דער חפץ חיים פלוצים צוגעטראַכט אַ סגולה פאַר אירטוועגן. האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעוויזן גאָר עפּעס אַנדערש. אַזוי ווי זי איז נאָר צו־ריק אַריין צום ח״ח אין שטוב, איז דער אַלטינקער איר געלאָפן אַנטקעגן מיטן געלט:

— נאָט אייך, יידענע, אייער געלט. — אַזאַ איינפאַל פון אַ יידענע!

— אָבער, רבי....

— איך דאַרף ניט אייער געלט, גייט געזונטערהייט, השי״ת זאָל אייך העלפן.

— טאָ זאָל זיין, רבי, אויף דער ישיבה.

— די ישיבה האָט גענוג געלט אָן אייערס, די ישיבה דאַרף ניט אייער געלט. אירט בעסער האָבן ס׳געלט פאַר זיך. נעמט, יידענע, אייער געלט. גייט געזונטערהייט, גאָט זאָל אייך העלפן.

די יידענע האָט זיך דערפילט ביי זיך זייער געפאַלן און האָט זיך ביי אים אָנגעהויבן בעטן ער זאָל כאָטש נעמען אַ טייל, זאָל ער עס צעטיילן פאַר אָרעמעלייט, זאָל ער עס אַוועקגעבן אויף אַן אַנדער וויכטיקן צוועק. און ער איינמאָל ניין. „איר זייט אַן אָרעמע פרוי, נעמט אייך ס׳געלט פאַר זיך, קיינער דאַרף ניט אייער געלט. השי״ת וועט אייך אַזוי אויך העלפן״.

קוים מיט צרות האָט ער באַוויליקט צו נעמען גאָר אַ קליי־ניקייט פאַר אַ שטעטלשער דבר צדקה.

12. ווי אַזוי דער חפץ חיים האָט זיך אַרומגעפירט מיט אַן אַלטן אַמעריקאַנער „בעל תשובה״.

אַן אַנדערש מאָל איז אין יענעם מיטן זומער (1922) גע־קומען צופאָרן קיין ראַדין אַן אַמעריקאַנער אַלטער ייד. ס׳איז אין יענער צייט אין פוילן געגאַנגען די באַוואוסטע סדרה „געסט פון אַמעריקע״. דער דאָזיקער ייד, האָט מען געזאָגט, האָט

רייכע זין אין אַמעריקע און ער איז אַליין אויך ניט קיין אָרי־מאַן. איז ער געקומען אויף אַ באַזוך קיין פוילן, און דער עיקר צום חפץ חיים.

איז דאָס דאָזיקע יידעלע פון אַמעריקע געווען שוין איינמאָל אַ יידעלע — דער אמתער קונצנמאַכער. אַזוי ווי ער איז נאָר באַטראָטן דעם ראַדינער באָדן, אַזוי האָט ער אָנגעהויבן פּראַווען פוילע שטיק: האָט אויפגעהערט ריידן, און די איינ־ציקע ווערטער וואָס ער פלעגט יאָ ריידן, פלעגט ער זיי וועלן זאָגן נאָר דווקא אויף לשון קודש, פלעגט לויפן אין מקווה אַריין, פלעגט זיך פאַרשטעקן אין אַ ווינקל, בית מדרש און דאָרט מאַכן משונהדיקע העוויות א. אַז. וו. געהייסן האָט עס אַז ער איז געקומען קיין ראַדין, כדי דאָ, אין פרומען שטעטל און לעבן חפץ חיים, תשובה טאָן אויף זיינע אַמעריקאַנער זינד...

מילא, דער חפץ חיים, אַזוי ווי דאָס דאָזיקע יידעלע איז נאָר געקומען, האָט ער אים אויף קיין מינוט ניט אָפּגעלאָזט. האָט זיך מיט אים אַרומגעפּירט ווי מיט אַן אבן טוב. אַ קלייני־קייט עפּעס, אַ ייד פון אַמעריקע! ער האָט ניט געוואוסט וואָס צו טאָן מיט אים. האָט געהייסן מ׳זאָל פאַר אים קאָכן ספּע־ציעלע מאכלים וואָס ער האָט ליב און פלעגט זיך רייסן אים אַליין צו סערווירן...

די ערשטע טעג, אַזוי ווי דער גאַסט איז נאָר געקומען, האָט ער, דער ח״ח, אים געהאַלטן אין איין אויספרעגן וועגן דער יידישער לאַגע אין אַמעריקע, בכלל און וועגן דער לאַגע פון יידישקייט בפרט. אויפן שטיקל וועג וואָס צווישן „מויער״ און דעם חפץ חיימס הויז, פלעגט ער מיט אים אַרומגיין אַקסל צו אַקסל, פלעגט אַלע מאָל פאַררייסן די אויגן צו אים, אים טיף אַריינקוקן אין פנים און פרעגן:

— איז דאָ אַ פולע חדרים אין אַמעריקע? יידן דאַווענען און לערנען? יידן אַרבעטן ניט אום שבת? און דאָס מלכות פאַרווערט ניט אָפּצוהיטן קיין יידישקייט? און פרנסה האָבן יידן? און אַזוי ווייטער און ווייטער. אָפּגעפרעגט די פראַגן, פלעגט דער אַלטער חפץ חיים אָנשטעלן דעם אויער אויפצוכאַפּן עפּעס אַ וואָרט ענטפער. אָבער אומזיסט. ער האָט ביי זיין אַמעריקאַנער אינפאָרמאַנט גאָרניט געקענט אַרויסקריגן. אים, דעם „אַמערי־קאַנער בעל תשובה״, זיינען געלעגן אין זינען גאָר אינגאַנצן

אַנדערע זאַכן: ער האָט געוואָלט עפּעס אַ סגולה, אַ קמיעה, אַ שפּרוך, ער האָט געוואָלט אַז דער חפץ חיים זאָל אים אַרויס־געבן אַ תיקון, וואָס זאָל אים אויסקויפן פון אַלע עבירות, וואָס ער איז „דאָרטן" באַגאַנגען. אָבער דער חפץ חיים האָט אַזעלכע תיקונים זיין אורח ניט געקענט געבן. ער פלעגט מיט אים האַלטן אין איין איינטענהן, אַז ס'איז גוט אַז אַ ייד לערנט אַ בלאַט גמרא, און טאָמער ניט קיין בלאַט גמרא, איז אַ פּרק משניות, און טאָמער קיין פּרק משניות אויך ניט, איז אַ קאַפּיטל תהילים אויך רעכט. ווער רעדט אַז אַ ייד גיט נאָך דערצו צדקה, איז שוין אַוודאי גוט, איז ער שוין אַוודאי אַ צדיק גמור און דאַרף ניט מער קיין שום תיקונים.

דער „אַמעריקאַנער צדיק" האָט זיך אָבער מיט דעם ניט באַנוגנט, נאָר ער האָט דווקא געוואָלט אַ תשובה אויף זיין אופן. איז ער געפאַלן אויף אַ פּלאַן: ער וועט פאַסטן כך וכך תעניתים. געזאָגט און געטאָן. אַז דער חפץ חיים האָט דאָס דער־הערט, איז ער געוואָרן אויסער זיך: — וואָס הייסט ער וועט דערלאָזן אַז אַן אַלטער ייד וואָס איז געקומען אַזש פון אַמע־ריקע, זאָל לעבן אים זיך פאַרהונגערן! ניין, ער וועט ניט דער־לאָזן דערצו. האָט ער אָנגעהויבן איינטענהן מיטן אַמעריקאַנער און אים באַווייזן מיט ראיות פון דער גאַנצער תורה, אַז ער דאַרף ניט פאַסטן, אַז בסך הכל האָט איין בלאַט גמרא מער די ווערט ווי צען תעניתים, און אַז דער כוח פון צדקה איז זייער גרויס, און אַז, מיט איין וואָרט: ניין, ער דאַרף ניט פאַסטן און ער זאָל ניט פאַסטן. „וואָס הייסט, אַן אַלטער ייד, האָט געמאַכט אַזאַ לאַנגע רייזע און דאַרף נאָך ערשט צוריקפאָרן, ווי קען ער זיך גאָר פּלוצים אַריינלאָזן אין תעניתים און זיך אָפּ־שוואַכן! ס'קען אים נאָך שאַטן צום געזונט".

דעם אַלטן חפץ חיים איז געגאַנגען אין לעבן אָפּצוהאַלטן דעם אַמעריקאַנער ייד פון דער אַוואַנטורע, אָבער ס'האָט גאָר־ניט געהאָלפן. דער אַמעריקאַנער האָט זיך איינגעשפּאַרט אַז ער פאַסט און ער האָט געפאַסט.

אין טאָג פון ערשטן תענית (וואָס איז אויך געווען דער לעצטער), האָט זיך דער „אורח פון אַמעריקע" געוואָרפן אין די אויגן מער ווי תמיד. מיט אַ נעבעכדיקער מינע, אַ בלאַס פּנים און נאַכגעלאָזטע קניען, האָט ער זיך אַרומגעשלעפּט פון „מויער"

אין בית מדרש, פון בית מדרש צום חפץ חיים אין שטוב אַריין און נאָכדעם דעם זעלבן מאַרשרוט צוריק, אַזוי אַ גאַנצן טאָג — איז ער ניט איינגעזעסן קיין מינוט. דער חפץ חיים איז אים נאָכגעגאַנגען, געקוקט אין די אויגן אַריין און זיך געהאַלטן אין איין נאָכפרעגן ווי ער פילט זיך, ער זאָל זיך אַ ביסל צולייגן, און זיך מסוכן געגומען צום האַרצן: — אַזאַ איינגעשפּאַרטער ייד — פאַסטן גאָר! צו וואָס דאַרף מען פאַסטן! ניטאָ קיין דין אויף דעם אין שולחן ערוך, איין בלאַט גמרא איז מער ווערט ווי צען תעניתים, אויך צדקה איז מער חשוב ווי תענית.

דער אַלטער חפץ חיים האָט זיך שוין קוים דערוואַרט דער טאָג זאָל אַריבער. צו מנחה איז ער געשטאַנען ביי זיין גרויסן שטענדער אין ישיבה און געוואָרפן פאַרצערטע בליקן צום „פאַסטנ־דיקן צדיק" און אַלע מאָל אַרויסגעלאָזט אַ טיפן זיפץ. ענדלעך איז נאַכט געוואָרן און מ'האָט געדאַוונט מעריב. באַלד נאָך מעריב איז דער חפץ חיים אַוועק, מיט דריבנע שנעלע טריטעלעך, נעמען דעם אַמעריקאַנער ער זאָל גיין עסן. ערשט, ער איז ניטאָ, ער איז פּלוצים נעלם געוואָרן. באַלד נאָך שמונה עשרה איז ער אַרויס און ער איז נאָך ניט צוריקגעקומען. האָט מען געמיינט, אַז ער וועט באַלד צוריקקומען און דער ח"ח מיט ר' יהושען (זיין איי־ניקל און מנהל פון ישיבה, וואָס האָט געוואוינט מיט אים אינ־איינעם) זיינען געשטאַנען און געוואַרט אויף אים. אָבער אַז ס'איז דורך אַ היבשע ווײַלע און ער איז ניט צוריקגעקומען, האָט מען אים אָנגעהויבן אַרומזוכן. מ'האָט אים געזוכט ביים חפץ חיים אין הויז, אין בית מדרש, אַרום בית מדרש, אָבער אומזיסט, מען האָט אים ניט געפונען.

ערשט אין אַ צייט אַרום האָט זיך דער אַמעריקאַנער צדיק אַראָפּגעיאָוועט און געזאָגט, אַז באשר בכן, כדי דער תענית זאָל זיין מער אָנגעלייגט, האָט ער געוואָלט אַריינפאַסטן אַ שטיק אין דער נאַכט אַריין...

שיין איז אָבער געווען צו זען ווי אַזוי שפּעט ביינאַכט איז דער אַלטינקער חפץ חיים אַרומגעגאַנגען זוכן דעם אַמערי־קאַנער. ווען נאָר ער האָט באַגעגנט, האָט ער אָפּגעשטעלט און געפרעגט:

— ניט געזען דעם אַמעריקאַנער יידן? ער האָט היינט גע־פאַסט און ביז איצט האָט ער נאָך ניט אָנגעביסן. ס'איז שוין

אַ שטיק אין דער נאַכט און ער האָט נאָך ניט געגעסן. אַן אַלטער ייד, דאָס פאַסטן קען אים נאָך, חס וחלילה, שאַדטן צום געזונט !...

אין דער „זוכונגס־אַקציע" פון פאַרשוואונדענעם אַמעריקאַנער האָט געפונען אַ וויכטיקן אַנטייל ארקע. ארקע דאָס איז געווען דעם חפץ חיימס בן זקנים. ווען דער חפץ חיים איז אַלט געווען 70 יאָר, איז ארקע געבוירן געוואָרן. ווען איך בין געווען אין ראַדין איז ארקע בר מצוה געוואָרן.

ארקע איז געווען אַ שיין, באַחנט יינגל, מיט גרינלעכע פאַרטראַכטע אויגן און אַ גרויסער מזיק. לערנען האָט ער ניט געוואָלט בשום אופן ניט. ער איז שטענדיק אַרומגעגאַנגען אַ שטילער, אַ פאַרטראַכטער און מ'האָט געקענט מיינען, אַז ער קען קיין צוויי ניט ציילן. אָבער דער קאָפּ האָט ביי אים געאַרבעט און ער פלעגט פאַרטראַכטן און דורכפירן פאַרשיידענע ווילדע שטיק. ארקע האָט ליב געהאַט טאַט, גערעדט האָט ער ווייניק, אָבער געטאָן אַ סך. — אַ שטיל וואַסערל. דער חפץ חיים האָט געהאַט פון אים צו זינגען און צו זאָגן. ס'איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ראַדינער מאַמעס האָבן שטרענג פאַרזאָגט זייערע קינדער זיך ניט צו חברן מיט ארקען...

אַז דער אַמעריקאַנער אורח איז געקומען, האָט ארקע באַלד דערפילט אַז דאָ וועט ער האָבן וואָס צו טאָן און ער פלעגט העלפן דעם „אַמעריקאַנער צדיק" תשובה טאָן: „ער האָט מיט אים גערעדט אויף שטום־לשון, גערעדט לשון־קודש, אים געפירט אין מיקווה א. אַז. וו.

דאָס שענסטע אָבער האָט פאַסירט ווען דער אַמעריקאַנער איז אַוועקגעפאָרן. ס'איז געווען אין אַ תמוז נאַכט, אַרום האַלבער נאַכט שוין. פלוצים האָט דער אַלטער ח"ח זיך אַרויסגעלאָזט זוכן ארקען. ווער נאָר ס'איז פאַרבייגעגאַנגען, האָט אים דער ח"ח געפרעגט:

—ניט געזען ארקען? אַזוי שפעט, האַלבע נאַכט שוין און ארקע איז נאָך ניטאָ. וואו קען ער זיין? נאָך קיינמאָל ניט בעקומען אַזוי שפעט. וואו קען ער זיין, ארקע?

דער אַלטער 83 יאָריקער טאַטע און די גאַנצע משפחה האָבן געזוכט ארקען. מ'האָט אים אויסגעזוכט אומעטום, מ'האָט אי־

בערגעקערט דאָס שטעטל, אָבער איינמאָל נײַן, ארקע איז ניטאָ. אַזוי ווי אין וואַסער אַרײַן — אויסגערונען. עולם ישיבה בחורים און די משפחה האָבן זיך אָנגעהויבן באַאומרואיקן — אַזעלכעס האָט נאָך קיינמאָל ניט פּאַסירט, וואו האָט ער ערגעץ געקענט אַהינקומען? מען האָט ניט געוואוסט וואָס איבערצוטראַכטן. ערשט אויפן פאַרטאָג איז ארקע געקומען צופאָרן מיט גרשקע בעל עגלה.

— וואו ביסטו געווען, ארקע? — פרעגט ביי אים דער חפץ חיים.

— איך בין, טאַטע, געווען אין באָסטון, כ'האָב אונטערגעפירט דעם אַמעריקאַנער יידן צום באַן.

— וואָס הייסט צום באַן? צוליב וואָס צום באַן? דער דין איז אַז אַן אורח דאַרף מען אונטערפירן פיר איילן, און דו האָסט אים גאָר אונטערגעפירט צום באַן! צוליב וואָס האָסטו אים באַדאַרפט פירן צום באַן, אַז דו האָסט געקענט יוצא זיין מיט אַרויסבאַגלייטן פיר איילן?... אָט ווי אַזוי דער יצר הרע אַרבעט, אַז ער וויל עמיצן אָנריידן צו טאָן אַ שלעכטע זאַך, פאַרשליערט ער זי אין אַ מצוה. אַנשטאָט דו זאָלסט מלווה זיין דעם אורח ד' אמות, ווי דער שולחן ערוך הייסט, האָט ער, דער יצר הרע, דיר גאָר אָנגערעדט דו זאָלסט אים מלווה זיין ביז באָסטון... נו, פרעג איך דיר, איז גוט אַזוי? איי, ארקע, ארקע!

די באַן וואַרשע—ביאַליסטאָק—ווילנע גייט ניט אַריין קיין ראַדין, נאָר מען דאַרף זי פאָרן נעמען פון דער סטאַנציע באָסטון, צווישן לידע און ווילנע. דעם אָוונט ווען דער אַמעריקאַנער ייד איז אָוועקגעפאָרן, האָט ארקע קיינעם גאָרניט דערציילט קיין שום מעשה, איז אָוועק צום וועלדל, האָט דאָרט אָפּגעוואָרט גרשקע בעל עגלה און ווען ער איז פאַרבייגעפאָרן מיטן אַמעריקאַנער, האָט זיך ארקע אַרויפגעכאַפּט אויפן וואָגן און איז מיט זיי אָוועקגעפאָרן קיין באָסטון. האָט דער חפץ חיים פאַרשטאַנען אַז ארקע איז דערמיט אויסן געווען מקיים צו זיין אַ מצוה...

ווי שטייט דאָרט אין פסוק: וצדיק באמונתו יחיה: יעדער משפט דעם צווייטן לויט זיך נאָך און יעדער לייגט אַריין אין צווייטנס מעשים די אייגענע כוונות. דער חפץ חיים האָט אַזוי ליב געהאַט מצוות, ער האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט זען אַרום

זיך נאָר פרומקייט און מעשים טובים, אַז אַפילו אין גרעסטן שמד־שטיק האָט ער אַריינגעלייגט אַ הייליקע כוונה. אַנשטאָט דעם ער זאָל איינזען אין ארקעס נסיעה קיין באָסטון אַ פּשוטע שקאָצעריי — אַ זאַך וואָס איז געוועזן אַזוי קלאָר פאַר יעדן — איז עס גאָר ביי אים אויסגעקומען אַז ארקע איז דערמיט אויסן געוועזן מקיים צו זיין די מצווה פון מלווה זיין אַן אורח, און דערצו נאָך אויף אַזויפיל לפני משורת הדין, אַז פון פיר איילן איז געוואָרן צען קילאָמעטער!...

— וואונדערלעכע חפץ חיימשע תמימות!

13. אַ מעשה וואָס באַווייזט אַז דער חפץ חיים האָט קיין מאָל קיין ליגן ניט געזאָגט.

אַן אַנדערש מאָל האָט פּאַסירט אָט וואָס:

אין אַ שיינעם זומערדיקן שבת ביי־טאָג, דוכט זיך פּרשת קורח, האָט זיך פּלוצים אַראָפּגעלאָזט אויפן שטעטל ראַדין אַן אָפּטיילונג פּוילישע מיליטער, וואָס איז איינגעשטאַנען ערגעץ אין אַ שכנישן גאַרניזאָן, און האָט אָנגעהויבן פּאַגראַמירן דאָס שטעטל. מ׳האָט די שטילע ראַדינער יידן וואָס האָבן ניט גע־וואוסט פון קיין פּותר און פון קיין חלום, און וועלכע האָבן פּונקט געכאַפּט אַ תענוג־דרעמל שבת נאָכן קוגל, אַראָפּגעשלעפּט פון די בעטן, און אין די אונטערוועש זיי פאַרנומען פון די הייזער. מ׳האָט אָנגעהויבן צעפּראַלן יידישע קרעמלעך און זיי אויסרויבן. אין די הייזער האָט מען אָנגעהויבן זוכן און ניש־טערן און מאַכן רעוויזיעס. פון גאַס האָט מען פאַרנומען יעדן וועמען מען האָט נאָר געטראָפן. אַממייסטן, פאַרשטענדלעך, האָט מען פאַרנומען „פּרושים": פון די סטאַנציעס, פון שפּאַציר, פון „מויער", פון אומעטום וואו מען האָט זיי נאָר געטראָפן. און געשלאָגן האָט מען די פאַרנומענע מכות רצח — מיט די קאָל־בעס פון די ביקסן און מיט ראַפּניקעס. די איבערגעפּאַלענע האָט מען אַוועקגעפירט אויפן פּלאַץ פון ישיבה, זיי אויסגעשטעלט אין אַ לאַנגער ריי און זיי דאָרט געלאָזט שטיין אַ סך שעהן. ערשט פאַרנאַכט־צו זיינען אַראָפּגעקומען די „עלטסטע" און מ׳האָט אָנגעהויבן אויספאָרשן. וואָס מ׳האָט געפאָרשט און וואָס מ׳האָט געזוכט, האָט קיינער ניט געוואוסט. און אַ סברא, אַז

זיי אַליין, די זוכער, האָבן אויך ניט געוואוסט. ס׳איז געווען אַ יש אומרים אַז די גאַנצע זאַך איז געווען אַזאַ „שטוקע” פונם פוילישן הייל, וואָס האָט זיך געוואָלט אַ ביסל פרייליך מאַכן איבער די „זשידקעס”. דער פאַקט איז, אַז צו אָונט־צו האָבן זיך די מונדירטע כוליגאַנעס פאַרנומען פון שטעטל און אַזוי ווי מ׳האָט ניט געוואוסט פון וואַנען און צוליב וואָס זיי זיינען געקומען אַזוי האָט מען אויך ניט געוואוסט וואוהין און צוליב וואָס זיי זיינען אַוועק.

פון איבערפאַל האָט אויך געליטן דער חפץ חיים, די סאָל־דאַטן זיינען אַריין צו אים אין הויז און האָבן דאָרטן אָנגעמאַכט אַ שטיקל איבערקערעניש: צעוואָרפן די ספרים, צעוואָרפן אַ קעסטל מיט כתב ידן, בריוו, דאָקומענטן. אויך לגבי אים פער־זענלעך האָבן זיי זיך ברוטאַל באַנומען. האָבן אים אַראָפגעשלעפט פון געלעגער און האָבן אים עטלעכע מאָל אַ שטויס געטאָן.

דער איבערפאַל איז דערגאַנגען צו דער יידישער עפנט־לעכקייט און האָט געהאַט דעם געהעריקן אָפקלאַנג אין דער יידישער פרעסע. פון ווילנע איז אַפילו אַראָפגעקומען אַ פאָר־שטייער פון יעקאָפאָ צו העלפן די געליטענע. דאָס וויכטיקסטע אָבער פון דער גאַנצער געשעעניש איז געווען דאָס, וואָס אין איר איז אויך געווען פאַרמישט דעם חפץ חיימס נאָמען. איבער־פאַלן גלאַט סתם יידן, איז קיין נייס ניט געווען, און עס האָט ניט געמאַכט קיין רושם, איבערפאַלן, אָבער דעם חפץ חיים, דאָס האָט שוין אַ ברען געטאָן, דאָ איז שוין געגאַנגען אין כבוד פון דעם גדול הדור, אין כבוד פון דער תורה, און יידן, בפרט פרומע יידן, האָבן ניט געוואָלט פאַרשווייגן. האָט גענומען די אגודה און האָט אַראָפגעשיקט קיין ראַדין צוויי פאָרשטייער אירע, אויסצופאָרשן אויפן אָרט וואָס ס׳איז געשען, כדי נאָכדעם צו מאַכן דערפון אַ רייד אין די „הויכע פענצטער”.

זיינען אַ פרייטיק שפעטער, נאָכן פאַרשטערטן שבת, שוין האַרט פאַר ליכטבענטשן, אַראָפגעפאָרן מיט גרשקע בעל עגלה קיין ראַדין צוויי אויסגעפוצטע חסידיש־נגידישע יידן. פון אָנהויב האָט מען געמיינט — גלאַט געסט, רייכע יידן וואָס זיינען גע־קומען צום חפץ חיים. באַלד אָבער איז מען געוואָר געוואָרן, אַז דאָס זיינען ניט קיין סתם יידן, נאָר יידן פון דער מלוכה. איינער, דער עלטערער, איז דער אָרטאָדאָקסישער סיים־דעפוטאַט

מענדעלסאָן, און דער ייִנגערער, איז דער סעקרעטאַר פון אַר־טאַדאָקסישן סיים־קלוב — אַקערמאַן, און אַז געקומען זיינען זיי, כדי אויסצופאָרשן די געשעענישן פון פאַרגאַנגענעם שבת.

אַז עולם ישיבה בחורים האָבן דאָס דערהערט, איז גע־וואָרן אין שטעטל אַן אמתע מהומה. מען האָט אָנגעהויבן פון אַלע זייטן לויפן אָנקוקן די געסט און זיי געבן שלום. יעדער ישיבה בחור באַזונדער האָט זיך אָנגעהויבן מסדר צו זיין ביי זיך, ווי אַזוי ער זאָל דערציילן די „גאַנצע מעשה" פון איבער־פאַל, פון אָנהויב ביזן סוף, און — זאָל מען זיי אַנלערנען די אַנטיסעמיטן, די רשעים... און ניט נאָר אויף די ישיבה בחורים, נאָר אויך אויף דער פירערשאַפט פון ישיבה האָט די נייס גע־מאַכט אַ גוואַלדיקן רושם. דער משגיח, ר' לייזער און דער מנהל, ר' יהושע (ביידע יונגע מענטשן, דעם ח"ח אייניקלעך) און דער ראש ישיבה, ר' נפתלי, (אַ באַרימטער למדן). האָבן אויף שנעל אַרויפגעכאַפּט די בגדי שבת און אַוועק צו די געסט. גאָר געפּלעפּט פון דער נייס זיינען געבליבן די פאַמיליעס פון די דערמאָנטע, די פרויען און די טעכטער — וואָס וועלן זיי טאָן מיט אַזעלכע געהויבענע געסט, אויף וועלכע זיי האָבן זיך ניט אָנגעהויבן ריכטן? ניט זיי האָבן צוגעגרייט עסן, ניט קיין דירה, ניט זיי האָבן זיך אַליין ווי געהעריק צוגעגרייט, צו קענען זיך באַווייזן פאַר אַזעלכע וואַזשנע לייט.

אויך האָט זיך די נייס בליץ־שנעל פאַרשפרייט איבערן שטעטל און די פשוטע ראַדינער יידן און יידענעס זיינען גע־וואָרן שטאַרק איבערראַשט און אויפגעהייטערט — אַ קלייניקייט, „יידישע מיניסטאָרן" פון וואַרשע, אַזעלכעס איז נאָך אין ראַדין ניט געווען! און דאָס אַלץ אין זכות פון צדיק (אַזוי האָבן ראַ־דינער יידן און יידענעס גערופן דעם חפץ חיים, ווען זיי זיינען געווען גוט אויפגעלייגט) זאָל לעבן.

צו מנחה האָט מען געמאַכט אַ וואַרע און געפירט די געסט אין „מויער" אַריין. אין דער שפּיץ זיינען געגאַנגען די געסט, באַגלייט פון די ישיבה פירער און די עלטערע בחורים און הינטער זיי איז געגאַנגען אַ געזעמל ישיבה בחורים — דריטע, צעפלאַמטע, באַגייסטערטע. אַריינגעפירט אין „מויער", האָט מען די געסט אַרויפגעפירט סאַמע אויבנאָן, אויף מזרח, און געוואַרט, אַז דער חפץ חיים זאָל אַריינקומען צו מנחה־

דאַוונען. אומגעזוימט איז דער חפץ חיים אָנגעקומען און מען האָט זיך געשטעלט דאַוונען מינחה. נאָך מינחה, איז זיך דער חפץ חיים געבליבן אויף זיין פּלאַץ ווי קיינמאָל גאָרניט. אַרום אין ישיבה, האָט געהערשט אַ פייערלעכע שטימונג. ישיבה־בחורים האָבן צווישן זיך קאָמענטירט דעם פאַל, זיך געחקירהט און אַרויסגעזאָגט השערות מכוח דעם אויסגאַנג און די פאָלגן פון דאָזיקן גוואַלדיקן וויזיט. — „אפשר וועט מען זיי שיסן, אפשר פאַרשיקן אויף אייביקע קאַטאָרגע... גוט אַזוי, למען ישמעו ויראו, אַזעלכע רוצחים, אַזעלכע רשעים, וואָס האָבן זיי צו אומשולדיקע יידן! זאָל דער גאַנצער סיים וויסן. יידן זיינען נאָך ניט הפקר, מיר האָבן נאָך ווער ס'זאָל זיך אָננעמען פאַר אונדז"...

ראַדינער יידן וואָס האָבן ניט געקאָנט צוימען זייער ביי־געריקייט, האָבן געהאַלטן אין איין גיין אין „מויער" אַריין דורך איין טיר און אַרויסגיין דורך דער אַנדערער טיר און בנתיים, געוואָרפן בליקן „„אַהינצו", אויף מזרח, וואו „זיי" האָבן זיך געפונען.

אינדרויסן, אַרום „מויער", זיינען געשטאַנען רעדלעך יידן און ישיבה בחורים און אַרומגערעדט די סענסאַציע פון מאָמענט. אַפילו די שיינע ראַדינער מיידלעך האָבן זיך דאָס מאָל, פריער ווי תמיד, אַרויסגעשטעלט אויף די שוועלן, אויסגעצוואָגענע, אויפ־געדרוימטע, שיינענדיקע, און האָבן צווישן זיך קאָמענטירט די נייס. פייגל ר' נפתלי'ס און פייגעצקע דעם חפץ חיימס זיינען געשטאַנען פאַרן טיר און אָפּגעשטעלט באַקאַנטע פרושים און זיך ביי זיי נאָכגעפרעגט אויף די געסט: ווער זיי זיינען און וואָס זיי זיינען, ווי אַזוי גייען זיי אָנגעטאָן און וואָס וועלן זיי אויפ־טאָן א. אַז. וו. מיט איין וואָרט: דאָס גאַנצע שטילע, פאַרשלאָ־פענע שטעטעלע איז געווען אונטערן צייכן פון דער גרויסער געשעעניש וואָס עס האָט געטאָן טאָן געשען דערמיט און איז געווען געגליכן צו אַן איינגעשטאַנענע וואַסערל וואָס אַ שטורעמ־ווינט האָט צעוויגט און צעכוואַליעט.

נאָר איין מענטש, דער הויפּט־העלד פון דער גאַנצער געשיכטע, דער חפץ חיים, האָט אויסגעזען צו זיין מן הצד פון דעם שוימיקן ענטוזיאַזם וואָס די „יידישע מיניסטאָרן" האָבן

פרייטיק צו סאַמע ליכטבענטשן און אויף גרשקע בעל עגלהס צעבראָכענעם וואָגן — אָראָפּגעבראַכט קיין ראַדין.

און געווען איז עס אַזוי: נאָך קבלת שבת, זיינען די געסט צו צום חפץ חיים אים אָפּגעגעבן שלום. ער איז געשטאַנען אויף מזרח פון דער רעכטער זייט פון אָרון קודש און זיי פון דער לינקער זייט אָרון קודש. גייען זיי צו צו אים און גיבן אים שלום. — שלום עליכם, עליכם שלום. און ער, דער טייערער אַלטער ייד, הויבט זיך אָן מיט זיין שטענדיקן נוסח:

— אורחים, פון וואַרשע, גוט, גוט. ווי גייט עס יידן אין וואַרשע?...

— רבי, איר דערקענט מיך ניט? — פרעגט פּאַרחידושט דער חסידיש־נגידישער ייד, דער לאָדזשער גביר, דער הער דעפּוטאַט פון פּוילישן סיים — מענדעלסאָן.

דער אַלטער חפץ חיים פאַרדרייסט דעם קאָפּ, שטעלט אָן זיינע גוטע, תמימותדיקע אויגן אויפן הער דעפּוטאַט, קוקט אים אַ ווײַלע אָן און זאָגט:

— אָן אַלטער ייד, דער זכרון איז שוואַך, ס׳איז דאָ אַ פולע זאַכן צו געדענקען.

— אָבער רבי, סטייטש איר געדענקט ניט, ווי איר האָט מיט מיר גערעדט אין סיים־קלוב פון דער אגודה, וועגן דער מעגלעכקייט צו באַפרייען ישיבה־בחורים פון מיליטער־דינסט.

דער חפץ חיים האָט נאָכאַמאָל געוואָרפן אַ בליק אויפן אָנטווישטן גאַסט, וואָס האָ ניט אַנדערש גערעכנט נאָר אַז דער חפץ חיים וועט זיך מיט אים אַרומכאַפּן ווי מיט אַן אַלטן באַקאַנטן. מ׳האָט באַשיינפּערלעך געזען ווי דער אַלטינקער שטרענגט זיך אָן צו דערמאָנען זיין שמועס מיטן אָרטאָדאָקסישן דעפּוטאַט. אָבער ער האָט זיך אָפּנים ניט דערמאָנט. האָט ער אַ הויב געטאָן מיט די אַקסלען און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף ניין.

— כ׳געדענק ניט, געווען אַ פולע יידן, אַ פולע יידן...

— — — — — — — — — — — — — — — — — —

פון דער גאַנצער מעשה בין איך אויסן געווען צו דער־ציילן ניט מער ווי דאָס לעצטע — אַז דער חפץ חיים האָט ניט געזאָגט קיין ליגן אונטער קיינע אומשטאַנדן ניט. ער האָט זיך זיכער געגעבן חשבון וועגן דער דעליקאַטקייט פון

דער סיטואַציע — אַ יידישער דעפּוטאַט, איז ספּעציעל געקומען פון וואַרשע זיך אַנגעמען זיין קריוודע און די קריוודע פון אַ גאַנץ שטעטל יידן, האָט זיך אַמאָל באמת לטובות ישיבה־לייט. עס קען נאָך ווייטער אויך אויסקומען צו דאַרפן אָנקומען צו אים, און גלאַט אַנטאָן אַ ביסל בושה אַן עלטערן, בכבודיקן יידן, אַ שליח ציבור — האָט ער געזאָלט פון העפלעכקייט־וועגן זאָגן אַ ליגן. אָבער, ניין, די אָפּגעהיטקייט ניט צו זאָגן קיין ליגן האָט גובר געווען און דער חפץ חיים האָט קיין ליגן ניט געזאָגט!

וואָס שייך דעם גאַנצן אויפטו פון קומען פאָרשן דעם איבערפאַל און נאָכדעם דערפון מאַכן אַ ווען ביי מלכות, האָט דער חפץ חיים ניט שטאַרק געהאַלטן דערפון.

— נו, גאָט צו דאַנקען — האָט ער געטענהט — קיין קרבנות ניט געווען, די שאָדנס זיינען אויך ניט געווען גאָר קיין גרויסע, ניט כדאי צו מאַכן דערפון קיין ווען. אויף דער וועלט ליידן יידן גרעסערע צרות.

אָבער די שלוחים האָבן ניט געוואָלט אָוועקפאָרן מיט גאָר־ניט, האָבן זיי כלומרשט געפרעגט, געפאָרשט, געמאַכט פּראָ־טאָקאָלן א. אַז. וו. אַז זיי האָבן געפרעגט דעם חפץ חיים וואָס די זעלנער האָבן אים געטאָן, האָט ער געענטפערט:

— נו, וואָס האָבן זיי געטאָן, גאָרניט. האָבן אַראָפּגעשלעפּט פון געלעגער, געגעבן אַ שטויס, געזוכט אין די שופלאָדן, אין קופערט, צעוואָרפן די כתבים, די ספרים. דאָס גאָר. נאַרישע מענטשן, וואָס האָבן זיי געהאָט צו זוכן, וואָס קאָן זיי דען טאָן אַן אַלטער ייד!

אָט דאָס איז געווען דעם חפץ חיימס צוגאַנג צום אי־בערפאַל — ערלעך און פשוט, אָן דעם מינדסטן סימן פון פּרעטענציעזקייט און גרויסקייט־שטעלונג. סטייטש, האָבן דאָך די יידישע צייטונגען געשריבן וועגן איבערפאַלן אויפן חפץ חיים מיט גרויסע אותיות און געמאַכט דערפון שיר ניט אַ נאַציאָנאַלן ענין, און די אגודה האָט געשיקט אירע בעסטע מענטשן צו פאָרשן און אונטערזוכן די זאַך? איז עס אים ניט אָנגעגאַנגען, ווי ניט אים מיינט מען, ער איז ניט קיין גרוי־סער מאַן, ער איז אַ פּשוטער ראַדינער ייד, גלייך מיט אַלע

ראַדינער יידן, און די „גרויסע לייט״ פון וואַרשע? עט, פאַר אים זיינען זיי ניט מער ווי יידן, „אורחים פון וואַרשע״, וואָס מען דאַרף זיי פאַרבעטן אויף שבת...

14. דעם חפץ חיימס עניוות.

אויף וויפיל דער חפץ חיים האָט זיך געפילט מעשה פשוטער ייד און זיין גרויסער רום האָט ניט אָנגעגריפן זיין נאַטירלעכע באַשיידנקייט, קען מען זען אויך דערפון:

דער חפץ חיים האָט געהאַט די געוואוינהייט, אַמאָל אין אַ שבת, ביי אַ ספּעציעלער געלעגנהייט, צו ריידן פאַר מינחה, אין שטעטלשן בית מדרש. פאַר דעם זמן צייט וואָס איך בין געווען אין ראַדין, האָט עס פּאַסירט דריי מאָל. ראַדי־נער יידן און יידענעס, האָבן אָבער ניט אַרויסגעוויזן דעם מינדסטן אינטערעס צום חפץ חיימס דרשהס און עס פלעגט קומען גאָר אַ קליינער עולם אים הערן. שוין צוזאַמען מיטן ביסל „פרושים״, וואָס פלעגן אים טאָן די גרויסע טובה און אים קומען הערן, אפשר מער אויס נייגעריקייט ווי אויס אינטערעס, פלעגט נאָך אַלץ ניט זיין קיין האַלבער בית מדרש. האָט ער איינמאָל אין אַ שבת, אין אַזאַ דרשה, זיך געקלאָגט בזה הלשון:

— אַז איך קום אין דער וועלט אַריין, קומען אַ פולע יידן מיך הערן, אַ פולע יידן, און דאָ אין ראַדין, ווילן די יידן מיך ניט קומען הערן, ראַדינער יידן ווילן מיך ניט קומען הערן, פאַרוואָס?...

אין די דאָזיקע ווערטער זע איך איין דעם העכסטן אויס־דרוק פון עניוות, מחמת די יעניקע וועלכע זיינען דורכגענומען מיטן באַוואוסטזיין פון זייער גרויסקייט און באַרימטקייט, ריידן ניט דערפון, זיי האָבן עס מורא צו דערמאָנען, כדי עס זאָל ניט אויסקומען אַז זיי האַלטן זיך גרויס און זיי באַרימען זיך; די דאָזיקע וועלן ריידן וועגן אַלץ אין דער וועלט, נאָר ניט וועגן זייער רום, ווייל אין האַרצן געפעלט עס זיי זייער. בלויז די יעניקע וואָס האַלטן זיך ניט גרויס אין האַרצן און וועלכע פילן ניט זייער באַרימטקייט, אויף וועלכע עס לאַסטעט ניט די גאווה, בלויז די דאָזיקע האָבן ניט מורא צו דערמאָנען

זייער באַרימטקייט, ווייל זיי „ליידן" ניט דערפון, ס'איז ביי זיי קיין פּראָבלעם ניט, ביי זיי איז זייער רום ניט פאַרבונדן מיט קיין שולד־באַוואוסטזיין, נאָר ווי אַן אָביעקטיווער פאַקט, וועגן וועלכן זיי קאָנען ריידן גלייכגילטיק. פאַרשטענדלעך, אַז אַזאַ ספּאָנטאַנע עניוות איז אַ גרויסע זעלטנקייט, ס'איז בנמצא אפשר ביי אַ יחיד בדור. אָבער דער חפץ חיים איז טאַקע גע־ווען אַ יחיד בדורו. זיין עניוות איז געווען דורך און דורך עכט, אַן דער מינדסטער געמאַכטקייט. ס'איז ניט געווען פון יענעם מין עניוות, וועגן וועלכער שפּינאָזאַ זאָגט אַז זי איז צום נענטסטן צו גאווה, נאָר ס'איז געווען אַ נאַטירלעכע, אַ ריינע, אַ ספּאָנטאַנע עניוות, אַן עניוות וואָס איז אפשר גאָר קיין עניוות ניט געווען, דאָס הייסט, וואָס מ'פילט גאָרניט אַז ס'איז עניוות, וואָרום וויבאַלד מ'פילט אַז ס'איז עניוות, טויג עס שוין ניט, איז עס שוין ניט קיין עניוות, נאָר דערווידערטע, געצוימטע, באַהערשטע גאווה. דאָרט וואו מ'פילט אַז מ'האַלט זיך קליין, איז אַ סימן, אַז אין דער אמתן האַלט מען זיך גאָר גרויס. אַן אַ ווילן צו גאווה, איז קיין עניוות ניט געמאָלט, פּונקט ווי ס'איז ניט געמאָלט אַז מ'זאָל פילן די געזונטקייט פון אַן אבר, וועלכער איז קיינמאָל ניט קראַנק געווען. די אמת־באַ־שיידענע, די נאַטירלעך־באַשיידענע, כאַראַקטערן פילן ניט אַז זיי זיינען באַשיידן, ווי דער אמת געזונטער און קרעפטיקער מענטש פילט ניט זיין געזונטקייט און זיין קראַפט. עס קומט, בכן, אויס, אַז ר' ישראל מאיר פון ראַדין איז גאָר קיין עניו ניט געווען, דאָס הייסט, ער האָט גאָרניט געוואוסט, אַז ער איז אַן עניו. זיין עניוות זעען און פילן בלויז מיר. מיר, וואָס מיר זיינען איינגעוואוינט אומעטום צו זען באַרימטקייט קומען באַגלייט מיט גאווה, מיר, וואָס לויט אונדזער מאָס געמאָסטן, פילן מיר, אַז ביי אונדז וואָלט באַרימטקייט געקומען באַגלייט מיט גאווה, — מיר, ווען מיר פאַרגלייכן דעם געגעבענעם באַרימטן מענטשן מיט אַנדערע באַרימטקייטן, און ווען מיר פאַרגלייכן אים מיט אונדז, זעען מיר דעם גרויסן קאָנטראַסט צווישן אים מיט אונדז, צווישן אים מיט אַלע אַנדערע, און מיר זאָגן: עניוות. דאָס וואָרט עניוות, איז דאָ גיכער אונדזערע אַ באַצייכענונג, איידער זיינע אַן אייגנשאַפט.

מ'דאַרף וויסן ווי גרויס ס'איז געווען דעם חפץ חיימס

פירסום צווישן פרומע יידן. אויף ווי ווייט פרומע יידן האָבן פון אים געהאַלטן, און פון דער צווייטער זייט האָבן אוממיטל־באַר נאָכגעפאָלגט דאָס פשוטע איינפאַכע לעבן וואָס ער האָט געפירט, כדי זיך צו קענען שאַפן אַ געהעריקן באַגריף ווי ווייט נאַטירלעך־באַשיידן דער דאָזיקער ייד איז געווען.

אָט טאַקע דער פאַקט פון די דרשהס אין שטעטלשן בית מדרש גופא. — נעמט אַ ייד, וואָס זיין נאָמען קלינגט בכל תפוצות ישראל, וועמען מען האַלט פאַרן גרעסטן יידן פון זיין צייט, פאַר וועמען עס שטעלן זיך אויף די גרעסטע רבנים און רביים, וועמען די גרעסטע לומדים און בני תורה האַלטן פאַר אַ זכיה אָפּצוגעבן שלום און צו שטיין אין זיינע ד׳ אמות, וועמען עס קומען מיט אַ מעת־לעת פריער אָפּוואַרטן ביים באַן טויזנטער יידן, כדי אים צו קענען אָנקוקן, צו הערן זיינס אַ וואָרט און אָנצורירן דעם ברעג פון זיין בגד, צו וועמענס אַ דרשה, אין דער פרעמד, עס קומען צענער אויב ניט הונדערטער טויזנטער יידן און פאַרשפּאַרן גאַנצע גאַסן און קוואַרטאַלן — נעמט אַזאַ ייד און בעט זיך ביי זיינע שטעטלשע יידן און יידע־נעס, אַז זיי זאָלן אים טאָן די גרויסע טובה און קומען הערן זיינע אַ דרשה, און זיי ווילן אים די טובה ניט טאָן און זיי קומען אים ניט הערן. איז עס ניט מערקווירדיק!

דריי פערטל יאָרהונדערט האָבן זיך יידן באַמיט דעם ראַדינער ייד ישראל מאיר צו מאַכן פאַר אַ „גרויסן מאַן״ צווישן זיי און ס׳איז זיי ניט געלונגען. ביזן לעצטן טאָג פון זיין לאַנג פרוכטבאַר לעבן, איז ער געבליבן אַ שטעטלשער ייד און מער גאָרניט. ער האָט צוריקגעוויזן אַלע פאַרשלאָגן און אָנבאָטן וואָס זיינען אים געמאַכט געוואָרן וועגן רבנות־שטעט־לעס, האָט ניט געוואָלט אָננעמען קיין מתנות און געשאַנקען, וואָס רייכע יידן האָבן אים געוואָלט מאַכן, נאָר האָט געוואָלט בלייבן אַן איינפאַכער שטעטלשער ייד. רייכע יידן, האָט מען דערציילט אין ראַדין, האָבן דעם חפץ חיים געוואָלט אַרי־בערפירן אין גרויסע שטעט, האָבן אים געוואָלט שענקען פּאַ־לאַצן, האָבן אים געוואָלט אַריבערפירן קיין ארץ ישראל און דאָרט איינאָרדענען אין גרויס רחבות, אָבער ער האָט אַפילו ניט געוואָלט הערן פון דעם אַלעמען.

און ניט נאָר האָט ער ניט געזוכט קיין אויסצייכענונגען,

קיין טיטלען און קיין כבוד, נאָר ער איז געווען דער היפך דערפון, זיין פערזאָן האָט דאָס אַלץ פון זיך אָפּגעשטויסן. יעדער מין אָפּיציעלע „גרויס־מענטשישקייט" איז אים געווען פרעמד. ער איז בטבע ניט געווען קיין ראש און קיין ראשון, נאָר אַ כלל־מענטש. ס'האָט אים געצויגן אין יידישן כלל אַריין. ווי אין זיין נאַטירלעכער מיליע אַריין. ער האָט דערווידערט יעדער מין אויסגעטיילטקייט, ער האָט ניט געוואָלט זיין — און ער איז ניט געווען — קיין יוצא מן הכלל, נאָר ער האָט שטענדיק געזוכט צו זיין און צו בלייבן אינערהאַלב דעם כלל. דער יידישער ציבור און דער כלל ישראל, דאָס איז געווען זיין נאַטירלעכע סביבה. פון יידישן כלל איז ער ארויסגעוואַקסן, און אין אים איז ער געבליבן אַלע זיינע יאָרן. סיי די וואָרצלען, סיי דער שטאַם און סיי די גרויסע שפע פרוכט פונם דאָזיקן ריזיקן בוים — אַלץ איז געווען פונם כלל און פאַרן כלל. ניט מיט זיין פערזאָן און ניט מיט זיין ווערק האָט ער געהערט — און ניט געוואָלט געהערן — צו דער רעליגיעז־גייסטיקער אַריסטאָקראַטיע, צו דער לומדיש־רבנישער עליטע, נאָר האָט געהערט — און געוואָלט געהערן — צום פאָלק, צום פשוטן פאָלק, צו דער מאַסע בעלי מלאכהס, קרעמער, האַרעפּאַשניקעס תהילים און אורח חיים־יידן. זיי אויסצובעסערן און פאַרשענערן, דאָס הייסט פרום מאַכן, דאָס איז געווען זיין אידעאַל.

דער חפץ חיים איז מעגלעך געווען דער גרעסטער פאָלקס־ייד פון אַלע צייטן, — דער גרעסטער פאָלקס־למדן, פאָלקס־תלמוד חכם פון זיין דור און פון אַלע פריערדיקע דורות. מ'קען ניט אָנווייזן אין דער יידישער געשיכטע נאָך איין ייד פון אַזאַ גראַד גאונות און לומדות וואָס זאָל אַזוי געהערן צום פשוטן פאָלק ווי דער חפץ חיים האָט געהערט.

דער חפץ חיים איז געווען דער אמתער דעמאָקראַט. ער האָט ניט געהערט צו יענעם סאָרט דעמאָקראַטן וואָס לאָזן זיך אַראָפּ צום פאָלק מחמת ליבע צו אים, מחמת ליבע צו די ברייטע מענטשלעכע מאַסן, וועלכע געפינען זיך מאַטעריעל און מאָראַליש אויף אַ נידעריקער שטופע, און זיי, די דעמאָקראַטן, גייען קעמפן פאַר דער מאַסעס מאַטעריעלער און מאָראַלישער דערהויבונג, נאָר ער האָט געהערט צו יענעם אַנדערן סאָרט דע־מאָקראַטן, וואָס ווערן געבוירן אין פאָלק, זיינען אַ טייל פון

אים, זיינען פון זעלבן טייג געקנאָטן וואָס ער, ניט מער, זיי זיינען גייסטרייכע, געניאַלע, באַגאַבטע פאָלקס־מענטשן און זיי קעמפן אויפצוהויבן זייערס גלייכן, דעם פאָלק, אויף אַ העכערער שטופע. די ערשטע, שטייען, בטבע, אויסערן פאָלק, זיי זיינען ניט קיין טייל פון פאָלק, זיי דינען בלויז דעם פאָלק. בטבע זיינען זיי אַריסטאָקראַטן, וואָס זוכן צו זיין נוצלעך די ברייטע מענטשלעכע מאַסן. אמתע דעמאָקראַטן, ווענזטלעכע, אַזעלכע וואָס זיינען עס ניט נאָר לויט דער אידעע, נאָר לויטן כאַראַקטער, זיינען די לעצטע, די וואָס זיינען אַ טייל פון פאָלק, די וואָס פילן זיך אַליין אַלס פאָלק — אַלס פּראָסטע און פשוטע פאָלקס־מענטשן. אָט צו דעם דאָזיקן סאָרט דעמאָקראַטן האָט געהערט ר׳ ישראל מאיר פון ראַדין. ער איז געווען אַן אָרגאַנישער דעמאָקראַט. קיין שום כוח אין דער וועלט האָט אים ניט געקענט אַרויסרייסן פון דער כלל־ישראל־מיליע. דעם חפץ חיימס ווערק און פאָלקס־פרומקייט, איז איינע און די זעלבע זאַך, פונקט אַזוי איז דעם חפץ חיימס לעבן און פאָלקס־לעבן איינע און די זעלבע זאַך. די ביידע זיינען אומאָפּטיילבאַר. אויף אָפּצוטיילן דעם חפץ חיים פון פאָלק, וואָלט אָדער דאָס פאָלק באַדאַרפט אויפהערן צו זיין פאָלק, אָדער דער חפץ חיים וואָלט באַדאַרפט אויפהערן צו זיין חפץ חיים.

דערמיט דערקלערט זיך דעם ח״חס צוגעבונדנקייט צו זיין שטעטל און צו די יידן און יידענעס פון זיין שטעטל — ער איז געווען אַ ייד פון שטעטל און אַלס אַזאַ האָט ער געוואָלט לעבן און ווירקן. אַלס אַ שטעטלשער ייד איז ער געווען פאַראינטערעסירט אין די ענינים פון שטעטל, אַלס אַ שטעטלשער ייד, האָט ער אָפּגעגעבן כבוד דעם שטעטלשן רב, אַלס שטעטלשער ייד האָט ער גענומען אַנטייל אין די צדקה־זאַכן פון שטעטל, און, אַלס שטעטלשער ייד, האָט ער געוואָלט עפּעס זאָגן אין שטעטלשן בית מדרש שבת פאַר מינחה, און געוואָלט אַז ראַדינער באַלע־באַטים און באַלעבאָסטעס זאָלן אים קומען הערן. נו, וואָס קומט אים דערפאַר ! און פאַרוואָס, טאַקע, זאָלן זיי ניט קומען ? וואָס איז, ער רעדט דען עפּעס אַזעלכע זאַכן וואָס מ׳פאַרשטייט ניט ? ער רעדט דאָך אַליץ אַזעלכע זאַכן וואָס אַפילו די מינדסטע יידענע פאַרשטייט עס ! איז פאַרוואָס זאָלן זיי ניט קומען ? !...

.15 דער קאמפּעאָן פון דער תורה.

וועגן וואָס ער רעדט ?

די דריי מאָל וואָס איך האָב אים געהערט ריידן, האָט ער גערעדט אַזוי : איין מאָל וועגן דער פאַרשייטער פרויעך־מאָדע, וואָס איז אַריינגעדרונגען קיין ראַדין, אַ צווייט מאָל האָט ער גערעדט וועגן אַ צדקה־אַקציע אין שטעטל פאַר געליטענע יידן, און אַ דריט מאָל האָט ער גערעדט וועגן די דעמאָלטדיקע פאַרפאָרלגונגען אויף ישיבות אין ראַטנפאַרבאַנד.

וואָס ער האָט גערעדט אין דער דרשה וועגן צדקה, געדענק איך שוין ניט. עס איז מיר גאָרניט געבליבן אין זכרון און איך דרינג דערפון, אַז מסתמא איז עס געווען אַ געוויינלעכע סקאַרבאָווע צדקה־דרשה, ווי פון אַלע „פּיעכאָטנע מגידים”. די דרשה וועגן דער מאָדע איז אויך געווען מער אָדער ווייניקער פון אַלט־באַקאַנטן נוסח, דאָך האָט זי געהאַט אין זיך עפּעס אייגנאַרטיקס — חפץ חיימדיקס. נאָכדעם ווי ער האָט געבראַכט אָן אַ שיעור ציטאַטן — פסוקים און מאמרים, וואָס האָבן באַדאַרפט דערוויזן, אַז אַ קורץ קליידל מיט אַ גרויסן דעקאָלט און קורצע אַרבל איז קעגן יידישן דין, האָט ער געהאַלטן אין איין אויסרופן: ס׳איז דאָך ערווה! אַז וואו מ׳ווענדט די אויגן איז ערווה: די הענט ערווה, די פיס ערווה, דאָס האַרץ ערווה, די האָר ערווה, אומעטום ערווה. מ׳טאָר דאָך ניט ! אין דער היינטיקער סדרה שטייט : קדושים תהיו כי קדוש אני ה׳ אלהיכם (ס׳איז געווען שבת פרשת קדושים) — יידן דאַרפן זיין הייליק, וואָרום גאָט ברוך הוא איז הייליק. טאָ ווי קאָנען הייליקע יידן דערלאָזן, אַז זייערע פרויען און טעכטער זאָלן זיך ניט פירן לויט דער צניעות, נאָר נאָכגיין נאָך דער פאַרשייטער מאָדע. אין פסוק שטייט : והייתם לי קדושים כי קדוש אני, ואבדל אתכם מן העמים להיות לי — יידן דאַרפן זיך פירן אַנדערש ווי די גוים ! און צום סוף נעמען גאָר יידישע פרויען און טעכטער און גייען נאָך נאָך דער גוישער מאָדע. מ׳טאָר דאָך ניט !...

דערפאַר אָבער איז זיין דרשה וועגן די דעמאָלטיקע פאַרפאָלגונגען אויף חדרים און ישיבות אין ראַטנפאַרבאַנד געווען זייער אַ געפּילפּולטע, מ׳קען זאָגן, אַ רירנדיקע. מ׳האָט באַשיינ־

פאַרלעך געזען, ווי שטאַרק דער דאַזיקער אַלטער ייִד ליידט פון די שטערונגען וואָס ווערן געמאַכט דאָס לערנען תורה.
די דאַזיקע דרשה, פונקט ווי אַלע דרשות זיינע, איז קודם כל פול געווען מיט אומדערשעפלעכער בקיאות. די ציטאַטן מכוח דער גוואַלדיקער באַדייטונג פון תורה לערנען, האָבן זיך גאַרניט געוואַלט ענדיקן. אָבער ניט דאָס איז געווען דער עיקר, דער עיקר איז געווען דער לייטמאָטיוו פון דער דרשה. דער לייטמאָ־טיוו איז געווען: וואָס איז אַ מענטש אָן תורה! אַט דעם דאַזיקן אויסרוף האָט ער ניט אויפגעהערט איבערצוחזרן וויפלטער מאָל — וואָס איז אַ מענטש אָן תורה! וואָס איז אַ מענטש אָן תורה! „אַ מענטש אָן תורה, דאַרף גיין חזירים טרייבן, גענדז פּאַשען!... וואָס איז אַ מענטש אָן תורה!...״
פאַרן חפץ חיים איז אין וואָרט תורה געווען ביכלל אַלץ וואָס איז וויסן, קולטור און גייסט־ווערט. פאַר אים האָט פאַר־באָטן לערנען תורה געמיינט דאָס זעלבע וואָס פאַר אַ וועלטלעכן מענטשן וואָלט געמיינט פאַרבאָטן דאָס לערנען ביכלל: פאַרבאָטן לערנען לייענען און שרייבן; פאַרבאָטן לערנען די וויסנשאַפטן, פאַרבאָטן די עקזיסטענץ פון עלעמענטאַרע, מיטל און הויך־שולן; פאַרבאָטן ביכער, פאַרבאָטן שטודיום, פאַרבאָטן, מיט איין וואָרט, יעדע גייסטיקע און אינטעלעקטועלע טעטיקייט, נאָר צווינגען די מענטשן צוריקצוגיין צום פרימיטיוון, קולטורלאָזן צושטאַנד. דאָס אַלץ האָט פאַרן חפץ חיים געמיינט פאַרבאָטן תורה־לערנען. נו, איז עס דען אַ חידוש פאַרוואָס דער דאַזיקער אַלטער תורה־קאַמפּעאָן, דער דאַזיקער אַלטער למדן און תלמיד חכם, וואָס האָט גאָר זיין לעבן פאַרבראַכט אין תורה־לערנען, וואָס האָט זיך זיינע אַלע יאָרן געוויקט אין דער תורה און האָט ניט געקענט לעבן אָן איר, ווי אַ פיש אָן וואַסער — איז עס דען אַ חידוש פאַרוואָס ער האָט אַזוי טיף אויפגעשוידערט אין אַנבליק פון גזירות אויף חדרים, ישיבות און בני תורה? ביי אים איז אויס־געקומען אַז מ׳גייט חרוב מאַכן די וועלט, מ׳גייט דעגראַדירן דעם מין מענטשן (ד״ה די ייִדן) צו אַ מדרגה פון חיות... מיט דעם וואָס מ׳שטערט ייִדן און ייִדישע קינדער צו לערנען תורה, אַטענטירט מען מיט דעם קעגן גייסט, קעגן קולטור. דאָס איז דער ערגסטער סאָרט וואַנדאַליזם וואָס קען נאָר געמאָלט זיין. קיין מענטשן, מעגן זיי זיין אַפילו „פרייע״, זיינען ניט פעאיק

אויף דעם, דאָס קענען נאָר טאָן אוממענטשן, באַרבאַרן. נאָר באַרבאַרן קענען וועלן אויסמעקן אינגאַנצן די תורה, זי אומ־ברענגען, זי אויסרייסן מיטן וואָרצל, וואָרום — וואָס איז אַ מענטש אָן תורה, אַז ניט אַ ווילדע חיה! און „דאָרטן" וויל מען אויסרייסן די תורה מיטן וואָרצל...

די דאָזיקע דרשה זיינע האָט שטאַרק געווירקט, זי האָט גע־ווירקט מיט איר טיפער אויפריכטיקייט. מ'האָט געפילט ווי דעם דאָזיקן גרויסן יידן טוט אָן אַ סוף וויי, וואָס מ'גרייפט אָן דעם סאַמע יסוד פון יידישקייט, וואָס מ'רייסט אַראָפּ די „קרוין פון יידנס קאָפּ", וואָס מ'גייט טרעטן מיט די פיס, דאָס וואָס ביים יידן איז צום הייליקסטן און טייערסטן — די תורה. עס איז אויסגעקומען ווי די מענטשלעכקייט גופא וואָלט אַרויסגעפּראָטעס־טירט דורכן מויל פון דאָזיקן אַלטן גייסטיקן פּערסאָנאַזש, קעגן דעם חיהשן אָנגריף וואָס ווערט קעגן איר געמאַכט. בעסער שוין פּאָגראָמען, בעסער שוין עקאָנאָמישע רדיפות, בעסער שוין פיזישע קלעפּ, איידער גייסטיקע דעגראַדאַציע, איידער ניט לאָזן יידן לערנען קיין תורה!...

16. דער חפץ חיים אַ „וועלט־באַפּעלער".

אָבער ניט בלויז ביי דער דרשה איז עס געבליבן. דער אַלטער חפץ חיים האָט ניט גערוט. פאַרן משך פון עטלעכע וואָכן איז דאָס געווען די איינציקע טעמע וועגן וועלכער ער האָט גערעדט. ווער ס'איז נאָר אונטערגעקומען, איז גוט געווען אַלס מיטשמועס־סער. — „וואָס האָט מען צו דער תורה? ! וואָס פאַר אַ שלעכטס טוען יידן וואָס לערנען? ! פאַרוואָס פאַרבאָט מען חדרים און ישיבות? ! פאַרוואָס לאָזט מען יידן ניט לערנען קיין תורה? !"
ער האָט ניט גערוט דער אַלטער קאַמפּעאָן פון תורה. ער האָט אויפגערודערט די עפּנטלעכע יידישע מיינונג, געוועקט, געמונ־טערט. ער האָט אונטערגענומען אַן אַקציע קעגן די פאַרפאָלגונ־גען. עס האָבן אָנגעהויבן גיין בריוו צו רבנים, כלל־טוער, יידישע פירער, צו דער אגודה, — מ'זאָל זיך אָננעמען פאַרן כבוד פון דער תורה, מ'זאָל זיך אָננעמען פאַר די פאַרפאָלגטע און פּראָ־טעסטירן קעגן די פאַרפאָלגונגען. עפּעס איז ער אין יענע טעג ווי יינגער געוואָרן. זיין טריט איז פאַרשנעלערט געוואָרן, זיינע

באַוועגונגען זיינען געוואָרן לייכטער. ער האָט, דוכט זיך, געריידט בעסער און העכער ווי תמיד, און בכלל האָט ער אַלץ געטאָן מיט מער אימפּולסיוויטעט.

דער קולמינאַציע־פּונקט פון זיין אַקציע איז געווען אַ תענית, וואָס ער, דער אַלטער ראַדינער ייד, האָט גוזר געווען אויף ערב ראש חודש אלול פון יענעם יאָר, און מיליאָנען פרומע יידן איבער גאָר דער וועלט האָבן דורכגעפירט. צוליב דעם דאָזיקן צוועק איז ער פּערזענלעך געפאָרן קיין ווילנע זיך צו פאַרשטענדיקן מיט ר׳ חיים עוזרן. פון דאָרטן זיינען אָוועק „פאַראָרדענונגען קיין וואַרשע, קיין ניו יאָרק, קיין בערלין, קיין לאָנדאָן, און בכל תפוצות הגולה, וואו עס האָבן געלעבט פרומע יידן, וועלכע האָבן פרייוויליק אויסגעפאָלגט, דאָס וואָס דער ראַדינער ייד ישראל מאיר האָט באַפוילן. צו דעם דאָזיקן תענית האָט דער חפץ חיים געשריבן דעם געהעריקן קול קורא, וואו ער האָט אויפגעקלערט די מאָטיוון און די צילן פון תענית, און וועלכער איז צעשיקט געוואָרן ווייט און ברייט צו אַלע רעליגיעזע יידן מארבע פינות עולם.

אין יענע טעג איז דאָס ווייטע פאַרוואָרפענע שטעטל ראַדין, פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ צענטער־פּונקט פון דער וועלט. די אַלטע הילצערנע שטוב, מיט דער קר־שטאָל און גרינעם מאַך־דאַך, איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ספּיריטועלער וועלט־צענטראַלע, פון וואַנען עס זיינען אַרויסגעגעבן געוואָרן „באַפעלן״ צו די צעזייטע און צעשפּרייטע יידן איבער גאָר דער וועלט...

— אָט אַזאַ כוח האָט ער געהאַט, דער אַלטער חפץ חיים. ס׳האָט אים קיינער ניט געקרוינט, ס׳האָט אים קיינער ניט געוויילט, ער איז ניט געווען קיין שום אָפיציעלער אויטאָריטעט, ער האָט ניט געהאַט קיין שום אָפיציעלע פולמאַכטן, און דאָך — דאָך זיינען יידן גרייט געווען צו גיין אין פייער און אין וואַסער אויף זיינס אַ וואָרט. פאַרוואָס ? ווי אַזוי ? וואו האָט דאָ אייגנטלעך געשטעקט זיין כוח און אין וואָס איז באַשטאַנען זיין מאַכט ? — אַדאַנק וואָס ער האָט געהאַט אַזאַ גרויסע השפעה אויף יידן ? — אַ דאַנק דעם וואָס ער איז געווען דורך און דורך ערלעך און אויפריכטיק אין זיינע מעשים, אַ דאַנק דעם וואָס ער איז געווען אַבסאָלוט אָנפּניותדיק און אָפּזיכטלאָז, אַ דאַנק דעם וואָס ער האָט ניט געזוכט קיין שום פּערזענלעכע נוצן פון זיין גרויסער שטע־

לונג צווישן יידן, אַ דאַנק דעם וואָס ער האָט ניט געזוכט ניט קיין כבוד, ניט קיין געלט, ניט קיין אָנערקענונג, ניט קיין לויב און ניט קיין דאַנק, אַ דאַנק דעם וואָס ער האָט קיינעם ניט נושא פנים געווען, וואָס ער איז ניט געווען פּאַרטייאיש, וואָס ער האָט זיך ניט געלאָזט באַאיינפלוסן פון קיין צדדים, אַ דאַנק דעם וואָס ער האָט ניט געפירט קיין פּאָליטיק, נאָר ער האָט דאָס גאַנצע לאַנגע לעבן זיינס געטאָן זיינע מעשים לשם שמים. יידן האָבן דאָס געוואוסט, זיי האָבן עס געפילט בחוש, און האָבן געהאַט דעם פולסטן צוטרוי — זיינען גרייט געווען בלינד צו פאָלגן, זיינען גרייט געווען נאָכצוגיין מיט פאַרמאַכטע אויגן, ווייל זיי זיינען געווען אינגאַנצן זיכער, אַז דאָ פירט די ערלעכע און גוטע כוונה. ווי זעלטן איז צו געפינען אַזאַ סאָרט אויטאָריטעט אין מענטשלעכן לעבן! דאָס איז די אויטאָריטעט פון גייסט, פון דער גייסטיקער העכערקייט, פון דער גייסטיקער מער־באַרופנ־קייט. קיין פירנדיקע פערזאָן איז דאָ גאָר אינגאַנצן ניטאָ, דאָ פירט בלויז דער ציל, דער אידעאַל, פאַרקערפּערט אין דעם בעסטן און מער באַרופנסטן.

דערין איז באַשטאַנען דער כוח פון ר' ישראל מאיר פון ראַדין. ער איז געווען דער לעבעדיקער אורים ותומים פון דער פרומקייט. אַז יידן האָבן אים געפאָלגט, האָבן זיי ניט געפאָלגט קיין מענטשן, נאָר זיי האָבן געפאָלגט אַ לעבעדיקן ספר...

17. אַ מוסטער פון טאָלעראַנץ.

ספּעציעל פאַר תורה לערנען האָט דער חפץ חיים געקעמפט אַלע זיינע יאָרן מיט אַ באַזונדער אייפער. ער האָט ניט געקענט לעבן אָן דעם, ווי קיין לעבעדיק באַשעפעניש קען ניט לעבן אָן לופט. אָט איז, למשל, די ישיבה אין ראַדין. ער האָט זיך צו דער ישיבה קיין מאָל ניט געמישט. די ישיבה האָט זיך געהאַט איר הנהלה, איר ראש ישיבה, איר אייגענעם דרך, אַפילו, וואָס איז ניט געווען דעם חפץ חיימס דרך, און דאָך האָט ער אָן דער ישיבה ניט געקענט אויסקומען. ער האָט געמוזט האָבן אַרום זיך די אַטמאָספערע פון תורה. דאָס גופא, וואָס העכער הונדערט יונגע יידן זיינען געזעסן יומם ולילה און געלערנט, אָט דאָס גופא האָט אים צופרידנגעשטעלט און ער האָט זיך מיט דעם געקוויקט. האָט

זיין פערזענלעכער דרך פון לערנען געמעגט זיין פאַרשיידן פון דעם דרך פון ישיבה, האָט עס אים ניט געאַרט. דער חפץ חיים האָט ניט געהאַט קיין טבע צו אימפּאָנירן אויף קיינעם זיין פערזענ־לעכן דרך. כאָטש ער אַליין האָט טאַקע ניט געהאַלטן פון קיין פּילפּול, דאָך איז אין דער ראַדינער ישיבה, פּונקט ווי אין אַלע ליטווישע ישיבות, געווען שטאַרק פאַרשפּרייט דאָס פּילפּלען זיך. דער ראש ישיבה, ר׳ נפתלי ראַדינער, איז געווען אַ שם דבר אין די ליטווישע ישיבות. זיינע שיעורים און זיינע „דערהערן", זיינען געווען שאַרף ווי אַ מעסער און דין ווי דאָס דינסטע הע־רעלע. אָבער דעם חפץ חיים האָט עס ניט געשטערט און ער האָט געלאָזט די ישיבה גיין איר אייגענעם וועג, און די ראַדינער ישיבה איז געווען ענלעך צו די איבעריקע ליטווישע ישיבות, וואו אין לערנען האָט געהערשט דער שטייגער פון שאַרפן און טיפן „דערהער", און אין גייסט — דער דרך פון די מוסרניקעס — פון דעם „אַלטן" פון סלאָבאָדקע, פון ר׳ ירוחם פון דאמיר, פון ר׳ משה פון לאָמזע א. אַז. וו. פון די דאָזיקעביידע שטייגערן, איז דער חפץ חיים געווען הימל־ווייט. ניט ער האָט געהאַלטן פון טיפן דערהער און ניט פון דעם מוסר־גייסט. אין לערנען האָט ער געהאַלטן פון „פּראָסטן פשט" און אין דער הנהגה — פון דער „פּראָסטער פרומקייט". אָבער, ניט דער חפץ חיים האָט געזוכט צו מאַכן אַ „שול" און ניט ער האָט אַזעלכע געמאַכט. ער איז געשטאַנען איבער שולן, ער האָט געקערט צום גאַנצן פרומען פאָלק, צו אַלע ריכטונגען און שאַטירונגען זיינע. דאָס איינציקע וואָס ער פלעגט יאָ טאָן, איז געווען דאָס, וואָס ער פלעגט אין „שמועסן" אָנווייזן זיין שטאַנדפּונקט. אָבער, אויסער געציילטע אויסנאַמען, האָט אים קיינער ניט געהערט. און אימפּאָנירן זיין דרך אויף דער ישיבה, דאָס האָט ער קיינמאָל ניט געטאָן. אַזוי, למשל, פלעגן צום לימוד פון משנה ברורה, וואָס דער חפץ חיים פלעגט פערזענלעך לערנען, אינדערפרי נאָכן דאַוונען, מיט די וואָס האָבן עס גע־וואָלט און וועגן וועלכן מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, מערסטנ־טייל קומען נאָר בחורים בטלנים, אַזעלכע וואָס האָבן זיך צו פּילפּול ניט אויסגעטויגט. קיין שום „לייטישער" ישיבה בחור האָט ניט געקענט פועלן ביי זיך זיך „אַראָפּצולאָזן" צו דער „נידעריקער" מדרגה פון גיין לערנען מיטן חפץ חיים דעם

באַלעבאַטישן שולחן ערוך. דאָך האָט עס אים ניט געאַרט און ער פלעגט ניט לייגן קיין אַכט דערויף.

עטלעכע מאָל האָט ער, פאַר מיין צייט, קריטיקירט אין שמועסן דעם אופן לערנען פון ישיבה. ערשטנס האָט ער אָפּן גערעדט קעגן דעם איבערטריבענעם פילפלען זיך, צווייטנס, איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן דעם, וואָס אין די ישיבות לערנט מען ניט גאַנץ ש״ס לויטן סדר, נאָר ס׳זיינען פאַראַן אַ באַשטימ־טע צאָל מסיכתות, וואָס זיי ווערן ווידערהאָלטע מאָל געלערנט, מחמת זיי טויגן בעסער צו פשטלען זיך, און דער איבעריקער טייל ש״ס גייט ניט אַריין אין אָפיציעלן לימוד פון די ישיבות. עס קומט אויס, האָט ער געטענהט, אַזוי ווי גאַנץ ש״ס וואָלט ניט געווען צוגלייך חשוב.

אָבער ביים ריידן איז עס געבליבן. די ישיבה איז זיך ווייטער געגאַנגען איר וועג און זיך ניט געקימערט וועגן חפץ חיימס פאָדערונג. און דאָס דאַרף מען וויסן, אַז די ישיבה איז געווען דעם חפץ חיימס. זי האָט זיך געהאַלטן מיטן כוח פון זיין נאָמען. יידן האָבן געגעבן געלט אויפן חפץ חיימס ישיבה. אָן זיין אונטערשריפט זיינען די בריוו פון דער ישיבה־אַדמיניסטראַציע געווען ווערטלאָז, און מיט זיין אונטערשריפט, פלעגן די „בריוולעך" ברענגען געלט ווי דורך אַ כישוף. און פונדעסטוועגן האָט ער ניט געזוכט אַרויפצוצווינגען זיין דרך אויף דער ישיבה. ער האָט בלויז אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג, און אַז די ישיבה־לייט האָבן זי ניט אָנגענומען, איז ער געווען טאָלעראַנט. — טאָלעראַנט, וואָרום ווי קאָן דען אַ מענטש פון חפץ חיימס שניט זיין ניט־טאָלעראַנט ? אונטער יעדער אומ־טאָלעראַנץ באַהאַלט זיך אויס אי שמאָלקייט און באַגרענעצט־קייט און אי אַ געוויסע שלעכטסקייט, און דער חפץ חיים, דער אמתער גרויסער מענטש, האָט ביידע זאַכן ניט פאַר־מאָגט. פונקט פאַרקערט, ער איז געווען דורך און דורך גוט־וויליק און זיין גייסט איז געווען ברייט און אַלץ אומפאַסנדיק. יעדער סאָרט סעקטאַנטיזם איז אים געווען פרעמד. ער האָט ניט געקערט און ניט געהאַלטן פון קיין שום אָפּגעגרענעצטער שיטה. זיין שיטה איז געווען די פרומקייט פון אַלע שיטות און פון אַלע סעקטעס. ער איז געווען דער אַל־ייד. זיין סעקטע איז געווען די יידישקייט. ער איז געווען דער פרומער ייד,

ניט דער פרומער חסיד, ניט דער פרומער מתנגד, ניט דער פרומער מוסרניק, נאָר דער פרומער ייד. אין זיין דרך זיינען געווען ביכלל אַלע שיטות און אַלע ריכטונגען פון פרומער יידישקייט. דערפאַר איז דער חפץ חיים, אַזוי זיין פערזאָן און אַזוי זיין ווערק, געווען געאַכט און געשאַצט פון אַלע יידן גלייך, אַזוי פון חסידים, ווי פון מתנגדים, ווי פון מוסרניקעס. אַז חסידים זאָלן אָנערקענען די אויטאָריטעט פון אַ „ליטוואַק" און האַלטן פון אים אַזוי פיל ווי פון זייערן אַ רבין — און אפשר נאָך מער ווי פון אַ רבין — דאָס איז אַ גרויסע מדרגה. דער חפץ חיים איז געווען פון די איינציקע וואָס האָבן דערגרייכט דערצו. און דאָס אַלץ איז געווען אַ פועל יוצא פון זיין ברייטן פאַרנעם און פון זיין טאָלעראַנץ. ער האָט זיך קיינמאָל ניט גע־שטעלט אויף איין צד, נאָר האָט איינגעשלאָסן אין זיך דאָס געמיינזאַמע פון אַלע צדדים. האָט ער פערזענלעך געמעגט זיין ניט קיין חסיד, האָט ער דעם חסידיזם ניט דערווידערט און ניט באַקעמפט, האָט ער פערזענלעך געמעגט זיין ניט קיין מוסרניק, האָט ער די מוסרניקעס ניט דערווידערט און ניט באַקעמפט, האָט ער פערזענלעך ניט געמעגט האַלטן פון פילפול, האָט ער פונדעסטוועגן ניט געשטערט אַז אין זיין ישיבה גופא זאָל הערשן דער פילפול. וויבאַלד אַז די ישיבה־לייט האָבן דווקא געוואָלט אַזוי און ניט אַנדערש, איז ער באַשטאַנען דערויף. אַרויפצווינגען אויף כוח זיין בליק, דאָס ניט. מיט וואָס פאַר אַ רעכט זאָל ער דען גיין אַרויפצווינגען זיין בליק אויף יענעם, ווען יענער האָט דאָס פולע רעכט צו האָבן זיין אייגענעם בליק! איז דען פאַראַן אַ דין אין שולחן ערוך ווי אַזוי מ׳דאַרף לערנען תורה — אַז מ׳דאַרף לערנען דווקא לויטן פראָסטן פשט און ניט לויטן פילפול? קיין דין איז דאָך אויף דעם ניטאָ. טאָ האָט יעדער ייד דאָס פולע רעכט מקיים צו זיין די מצוה פון תלמוד תורה לויט זיין אייגענעם געשמאַק און איינזען. קיין צוואַנג איז דאָ גאָרניט שייך. גיין דאָ צווינ־גען, וואָלט געמיינט האַנדלען פערזענלעך, האַנדלען לויט אַ פערזענלעכער אַמביציע. און ווי איז דערצו געקומען ר׳ ישראל מאיר פון ראַדין? הימל ווייט איז ער דערפון געווען! אים איז נאָר געגאַנגען אין איין זאַך: פאַרשפרייטן די תורה צווישן יידן, זיין אַ מרביץ תורה ברבים, יידן זאָלן זיצן און לערנען. ווי

אַזוי לערנען און וואָס לערנען ? דאָס איז אים ניט אָנגעגאַנגען. אַבי לערנען.

פאַרשפּרייטן תורה צווישן פאָלק, איז געווען דעם חפץ חיימס גרעסטע ליידנשאַפט. ער האָט וועגן דעם ניט אויפגעהערט צו טראַכטן קיין איינציקע מינוט. פלעגט קומען אַ ייד פון דער פרעמד, איז די ערשטע זאַך וואָס ער פלעגט ביי אים פרעגן, געווען: „וואָס הערט זיך מיט חדרים און תלמוד תורות אין אייער מקום ?" דער עיקר טאַקע חדרים און תלמוד תורות, נאָך מער ווי ישיבות. ער פלעגט ניט מיד ווערן צו פּאָדערן, אַז מ'זאָל זען מאַכן וואָס מער חדרים און תלמוד תורות, כדי אַלע יידישע קינדער זאָלן האָבן וואו צו לערנען און קיין איין יידיש קינד זאָל ניט בלייבן דערפון אויסגעשלאָסן. און טאָמער פלעגט ער דערהערן עפּעס אַ גזירה צי אַ באַגרענעצונג קעגן חדרים, פלעגט ער ווערן זייער דערשלאָגן און טרויעריק. קיין גרעסער שלעכטס האָט ער זיך ניט געקענט פאָרשטעלן ווי שטערן יידישע קינדער צו לערנען תורה. תורה ! לערנען תורה ! — דאָס איז געווען די טעמע פון זיין לעבן.

איך האָב אים אַמאָל אין אַ שמועס געהערט מאַכן זייער אַן אָריגינעלן חשבון מכוח דעם, וויפל אַ ייד פאַרשפּילט אין משך פון זיין לעבן דורך בטלענען די פרייע צייט. „וויפיל דאַרף דען דויערן אָפּלערנען אַ בלאַט גמרא ? — האָט ער געפרעגט. — אַ שעה צייט. וויפיל שעה אין טאָג פטרן יידן אויף דברים בטלים, אויף ליידיקגיין און אויף ריידן וואָס מ'דאַרף ניט ? דריי פיר שעה, זיכער. ווען יידן וואָלטן אָבער די דריי־פיר שעה געלערנט, וואָלטן זיי געקענט אָפּלערנען דריי־פיר בלאַט גמרא יעדן טאָג. דורך דער וואָך וואָלט יעדער ייד געקענט אָפּלערנען 25 בלאַט גמרא, און דורכן חודש 100 בלאַט גמרא. היינט וויפיל בלאַט גמרא וואָלט יעדער ייד געקענט אָפּלערנען דורכן יאָר, און דורך פינף, צען, צוואַנציק, דרייסיק א. אַז. וו. יאָרן ? היינט וויפיל בלאַט גמרא וואָלטן אַלע יידן געקענט אָפּלערנען אין דער פרייער צייט וואָס זיי צעפּטרן דורך זייער גאַנץ לעבן ? — מ'קען גאָרניט אויסרעכענען און אָפּשאַצן דעם פאַרמעגן וואָס יידן צעפּטרן אויף אַזאַ אופן !...

לערנען תורה איז ביים חפץ חיים געווען איבער אַלץ. סיי לערנען צוליב לערנען און סיי לערנען צוליב מקיים זיין. די

דאָזיקעביידע זאַכן זיינען פאַר אים געווען אומאָפּטיילבאַר, זיי האָבן זיך ביידע דורכגעדרונגען איינס דאָס אַנדערע. לערנען תורה האָט פאַר אים געהאָט די רעאַלקייט פון אַ פרומען טאָט, און דער פרומער טאָט האָט באַדאַרפט זיין באַזעלט מיטן גייסט פון דער תורה. פאַר אים איז תורה ניט געווען קיין אַבסטראַקטער שטודיום, וואָס האָט ניט קיין שייכות מיטן לעבן, נאָר, פאַרקערט, אַ זאַך וואָס דאַרף דורכאויס באַאיינפלוסן דאָס לעבן און אַריינדרינגען אין לעבן אַריין — ס׳האָט באַדאַרפט זיין אַ תורהדיק לעבן. דערפאַר האָט ער שטענדיק פאַרגעצויגן יענע טיילן פון דער תורה וואָס שטייען נעענטער צום באַלדיקן טאָט. ער איז געווען אַ פּראַקטישער גייסט, ניט קיין טעאָרע־טישער. ער האָט געהאַלטן פון דעם לשמור ולעשות ולקיים, און גופא דאָס לערנען תורה איז געווען די גרעסטע פּראַקטישע מיצווה. דערפאַר אָבער האָט ער פון אַלץ וואָס איז געווען צווייפלהאַפטע תורה, ניט קיין סך געהאַלטן, און דערמיט, שיינט מיר, דאַרף מען דערקלערן דעם חפץ חיימס אָפּהאַלטן זיך פון געבן הסכמהס אויף ספרים און חיבורים.

18. דער חפץ חיים אַ קעגנער פון „ספרים־שרייבעכץ"

דער חפץ חיים פלעגט ניט געבן קיין הסכמהס אויף חיבורים, וועגן וועלכן, ווי עס איז נאַטירלעך, עס האָבן זיך צו אים גע־ווענדט אַ סך מחברים, סיי שריפטלעך, סיי פערזענלעך. אין דער ישיבה איז עס געווען אַ טעמע פאַר כסדרדיקע חקירות און השערות פאַרוואָס דער חפץ חיים האַנדלט אַזוי. דעם זמן ווען איך האָב געלערנט אין ראַדין איז דער ענין אויף אַ צייט ווידער אַקטועל געוואָרן איבער אַ מעשה שהיה. אין מיטן זמן איז צום חפץ חיים געקומען אַ גאַליציאַנער רבל מיט אַ ספר אַז דער חפץ חיים זאָל אים געבן זיין הסכמה. דער ח״ח האָט אים דערקלערט אַז ער טוט עס ניט, אַז כל ימיו פירט ער זיך ניט צו געבן קיין הסכמהס אויף קיין חיבורים. דער גאַליציאַ־נער מחבר האָט זיך אָבער פאַרלייגט און דווקא געוואָלט אַרויס־קריגן ביים ח״ח אַ הסכמה אויף זיין חיבור, וואָס וועט „מרעיש עולם־זיין". איז ער אַפּגעזעסן אין ראַדין עטלעכע וואָכן און אַלץ געוואַרט אפשר וועט דער חפץ חיים פאַר אים מאַכן אַן

אויסנאַם און איינוויליקן. אָבער ביים חפץ חיים איז ניט געווען שייך צו זאָגן איינוויליקן. ווייבאַלד ער האָט זיך געפירט ניט צו געבן קיין הסכמהס, האָט ער ניט געגעבן. ער האָט דעם „אורח פון גאַליציע" גאַנץ פיין מכניס אורח געווען, ווי זיין שטייגער איז געווען, און האָט אים געהאַלטן אין איין אויספרעגן וועגן מצב פון יידן אין גאַליציע, צי ס'איז דאָ אַ סך חדרים, תלמוד תורות און ישיבות, צי יידן זיינען פרום, צי יידן האָבן פרנסה א. אַז. וו. אַז דער „גאַליציאַנער ייד" האָט געזען אַז זיין וואַרטן איז אומזיסט, האָט ער זיך אויפגעהויבן, אָפגעזעגנט און אַוועקגעפאָרן.

צווישן ישיבה בחורים האָט דער דאָזיקער פאַל אַרויסגערופן אַ סך קאָמענטאַרן. אייניקע האָבן אַרויסגעזאָגט די סברא, אַז דער ח"ח גיט ניט קיין הסכמהס מחמת גרויס עניוות. אַנדערע האָבן געדרונגען, אַז דאָס איז אויס מורא אַז מחברים פון גאַר דער וועלט זאָלן אים ניט באַפאַלן און קומען צו אים נאָך הסכמהס. ער וואָלט באַדאַרפט זיצן טאָג און נאַכט און דורכלייענען וואָס אַלע רבנים, רביים, רבלעך, בעל דרשנס, מגידים, לומדים א. אַז. וו. האָבן פאַרפאַסט און שרייבן פון זייערטוועגן הסכמהס. ווען ער זאָל אַפילו לעבן דריי מאָל אַזוי לאַנג ווי ער האָט געלעבט, וואָלט אים אויך קיין צייט ניט געקלעקט צו זיין אויף אַזויפיל גוט און אַלעמען צופרידנשטעלן. לכן האָט ער זיך אָפגעהאַלטן און קיינעם קיין הסכמה ניט געגעבן. די דאָזיקע השערה האָט זיך געלייגט אויפן שכל און האָט געהאַט אַ סך אַנהענגער, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען דער מחבר פון די שורות.

היינט, אָבער, דוכט זיך מיר, אַז די סיבה פאַרוואָס דער ח"ח האָט ניט געגעבן קיין הסכמהס אויף קיין ספרים, איז געווען אַ פיל טיפערע: דער חפץ חיים איז געווען אַ קעגנער פון ספרים־שרייבעכץ, אַ קעגנער פון אויסקלערן חיבורים — אַ אַנטי־ליטעראַטורניק. עס איז אים ניט געפעלן געוואָרן וואָס יידן זעצן זיך אַוועק און טראַכטן אויס נייע פשטלעך און נייע דרושים און נייעם פילפול, און ווילן דערמיט באַרייכערן די תורה. די תורה — האָט זיך געקערט טראַכטן ר' ישראל מאיר פון ראַדין — איז שוין גענוג גרויס און רייך אָן די דאָזיקע נייע ספרים. בעסער וואָלטן די מחברים פאַרטאָן די צייט, וואָס עס נעמט ביי זיי אויסצוקלערן זייערע חיבורים, אויף לערנען גמרא מיט רש"י,

וואַלטן זיי אַ סך מער אויפגעטאָן. די דאָזיקע דערקלערונג שטימט זייער גוט סיי מיטן חפץ חיימס דרך בכלל און סיי מיטן נוסח פון זיין שאַפן. דעם חפץ חיימס ווערק זיינען אַלע פּראַקטישע ווערק, אַלע באַרירן זיי ענינים פון קאָנקרעטער, טאָגטעגלעכער פרומקייט. קיין איין בלעטל איז אין חפץ חיימס ספרים ניטאָ, וואָס זאָלן זיך פאַרנעמען מיט אַבסטראַקטער חקירה, פּילפּול אָדער דרוש.

ניין, דער חפץ חיים האָט ניט געהאַלטן ניט פון קיין האַר־שפּאַלטעניש, ניט פון קיין גריבלען זיך און ניט פון קיין מחבריי. ער האָט ניט געהאַלטן דערפון ניט אין לעבן און ניט אין זיינע ווערק. דעם „ושנוא את' הרבנות" האָט ער מקיים געווען סיי טעאָרעטיש און סיי פּראַקטיש. ער האָט ניט געהאַלטן פון גלאַט סתם מוחן־זיך. אין לעבן איז ער געווען אַ ייד אַ בעל מעשה און אין זיינע ספרים איז ער אויך געווען אַזעלכער. פון שרייבן סתם ספרים האָט ער אַליין ניט געהאַלטן און ניט געוואָלט מסכים זיין דערויף ווען אַנדערע האָבן עס געטאָן.

19. דעם חפץ חיימס משיח־בענקשאַפט.

אויף ווי ווייט דער חפץ חיים האָט פאַרגעצויגן די פּראַק־טישע טיילן פון דער תורה איבער די טעאָרעטישע, קען מען זען אויך דערפון וואָס אַפילו דאָרט וואו קיין פּראַקטיק איז ניט מעגלעך געווען, אַבי נאָר עס האָט זיך געהאַנדלט פון מצוות מעשית, מעג עס זיין פון ווייטן עבר און, ווי ער האָט געגלויבט, אויך פון נאָענטן עתיד, האָט עס אים שוין געצויגן דערצו. מיר מיינען דאָ דעם חפץ חיימס נייגונג צו לערנען די סדרים טהרות און קדשים. אין די דאָזיקע צוויי סדרים פון ש"ס ווערן באַ־האַנדלט אַלע דינים וואָס האָבן אַ שייכות צו כהן, טומאה און טהרה, צו קרבן, עבודה, בית המקדש א. אַז. וו. אָט די דאָזיקע נייגונג זיינע האָט אין דער אמתן אָפּגעשטאַמט פון אַ צווייטער, אַ סך טיפערער נייגונג דעם ח"חס — פון זיין הייסן גלויבן און וואַרטן אויף משיחן.

דאָס וואַרטן און אויסקוקן אויף משיחן, איז ביים חפץ חיים אַריבערגעגאַנגען ווייט איבער די נאָרמאַלע גרענעצן פון יידישן גלויבן אין ביאת משיח. ער האָט געוואַרט אויף משיחן מיט אַזוי

פיל טיפן גלויבן און אַזוי פיל טיפן באַגער, אַז ביאת משיח האָט זיך פאַר אים פאַרוואַנדלט אין אַ ממשותדיקער זאַך, וואָס אָטאָ, היינט מאָרגן דאַרף עס געשען. טיילמאָל פלעג איך האָבן דעם איינדרוק, אַז ער גייט אַפּוואַרטן גרשקע בעל עגלה כדי ביי אים צו פרעגן צי משיח איז נאָך ניט אין באָסטון. ער האָט בפועל ממש אַלע טאָג געוואַרט אויף משיחן. ער האָט געליטן פון אַן אויסצערנדיקער משיח־בענקשאַפט. דאָס האָט אים באַוועגט צו פאַרשיידענע „אַקציעס", וואָס ער האָט אונטערגענומען אויפן דאָזיקן געביט. אין די יאָרן פאַר דער וועלט־מלחמה — האָט מען געזאָגט — האָט דער חפץ חיים זיך געווענדט צו די כהנים, אַז זיי זאָלן לערנען די צוויי פריער־דערמאָנטע סדרים פון תלמוד, כדי זיי זאָלן זיך באַקענען מיט אַלע דינים וואָס כוהנים דאַרפן וויסן „בזמן הבית", ד. ה., אַז די כוהנים זאָלן זיך גרייטן פאַר משיחן. דעם חפץ חיימס איידעם, דער דערמאָנטער ר' אהרן, גע־וועזענער רב פון שווענציאַן, האָט אונטערן חפץ חיימס השפעה צונויפגעשטעלט אַ חיבורל אויף דער דאָזיקער טעמע. דער חפץ חיים אַליין האָט אין דער צייט וואָס איך בין געווען אין ראַדין פאַרענדיקט אַ ספר מיטן נאָמען „תורת כהונים", אויף וועלכן, ווי מען האָט געזאָגט, ער האָט געאַרבעט צוויי און צוואַנציק יאָר. אין דאָזיקן ספר איז געוואָרן אויפגעזאַמלט און באַלויכטן אַלץ וואָס האָט אַ שייכות מיט כוהן, קרבן און עבודה.

דער חפץ חיים האָט דאָס גאַנצע לאַנגע לעבן זיינס אַקטיוו געוואַרט אויף משיחן. ער איז געווען איינגאַנצן באַהערשט פון דעם משיח־טרוים. ער האָט משיחן כסדר געפילט און געטראַכט וועגן זיין קומען. ס'איז פאַר אים ניט געווען קיין אַבסטראַקטער גלויבן, נאָר אַ קאָנקרעטע, ממשותדיקע דערוואַרטונג. איך האָב איינמאָל געזען ווי ער האָט אַפּגעשטעלט אַ ראַדינער יידן, וואָס איז לעבן אים פאַרבייגעגאַנגען און מיט אים גענומען ריידן וועגן משיחן, אַט פונקט ווי ער פלעגט ריידן וועגן אַן אורח וואָס דאַרף באַלד אָנקומען. ער, דער אַלטער חפץ חיים, האָט זיך אַרומ־געבלאָנקעט איינער אַליין אַ פאַרטראַכטער אין אומגעגנט פון ישיבה, ווי ער פלעגט דאָס מאָל טאָן, איז אָנגעגאַנגען דער איינ־בינדער פון זיינע ספרים, אַ שטילער ראַדינער בעל מלאכה. זע איך ווי דער חפץ חיים שטעלט אים אָפּ און נעמט מיט אים איינ־טענהן פאַרוואָס משיח קומט ניט. ער רעכנט אים אויס אַלע

צרות, גזירות, רדיפות, פאַרפאַלגונגען, נגישות, וואָס יידן טראָגן איבער, און בעט זיך ביי אים: ווי לאַנג נאָך! וויפיל איז דער שיעור צו וואַרטן?! יידן האָבן שוין ניט קיין כוח צו ליידן אַזוי פיל!... לויט דער גלייכגילטיקייט פון דעם אָפּגעשטעלטן יידן, האָב איך פאַרשטאַנען אַז דאָס מוז ניט זיין דאָס ערשטע מאָל וואָס ער מאָנט ביי אים משיחן. און אַזוי איז עס טאַקע געווען: יענער מאָל איז ניט געווען ניט דאָס ערשטע און ניט דאָס לעצטע מאָל, וואָס דער חפץ חיים האָט געמאָנט משיחן ביים ערשטן בעסטן יידן...

20. און ווידער אַ קורצע אויפקלערונג.

דאָ מוז איך זיך ווידער אַמאָל אַליין איבערשלאָגן די רייד און מאַכן אַן אומגעבעטענע — און אפשר יאָ געבעטענע — דערקלערונג פאַרן לייענער.

פאַרשטיין און שאַצן אַ מענטשן, בפרט אַ גרויסן מענטשן, פּסיכאָלאָגיש, מיינט ניט אים שאַצן לאָגיש און אידעאָלאָגיש. מיר מעגן גאָרניט האַלטן פון איינעמס גלויבונגען און דאָך זאָלן מיר די גייסטיקע כוחות וואָס קומען צום אויסדרוק דורך די דאָזיקע גלויבונגען, שאַצן זייער הויך. געדאַנקען און אידעען, זיינען איין זאַך, און נשמה־כוחות וואָס שטייען אונטער זיי, דאָס איז אַ צווייטע זאַך. פאַרן פּסיכאָלאָג איז וויכטיק ניט די געדאַנקלעכע זייט פון איינעמס גלויבן, נאָר די עמאָטיווע זייט. דער פּסיכאָלאָג גייט ניט זוכן דעם ווערט פון אַ גלויבונג אַנפאַר זיך, נאָר ער גייט זוכן דעם געפיל־אינהאַלט וואָס באַהאַלט זיך אויס אונטער איר. ער, דער פּסיכאָלאָג, זוכט צו דערגיין וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר איינעמס גייסטיקע ווערזנהייט. ער וויל וויסן ניט וואָס איינער דענקט, נאָר וואָס איינער איז, ער פאַרשט ניט קיין אידעען, נאָר מענטשן. דיביידע מאָמענטן — זיין און דענקען — זיינען צווישן זיך פאַרבונדן בלויז אינערלעך, אָבער ניט אויסערלעך. אויף דער אויספורעמונג, געשטאַלטונג און קאָנ־קרעטיזירונג פון אידעען און גלויבונגען, ווירקן אויסערלעכע פאַק־טאָרן. אידעען און גלויבנס פורעמען זיך אויס אין צייט און אָרט. אָט די דאָזיקע אויסערלעכע, ריין־פאָרמעלע זייט פון גלויבנס, אינטערעסירט ניט דעם פּסיכאָלאָג. אים אינטערעסירט בלויז די

סוביעקטיווע, די אינערלעכע זייט פֿון גלויבנס. פֿאַרן פּסיכאָלאָג, איז אַן ערלעכער ייד, אַן ערלעכער קריסט און אַן ערלעכער מענטש אינגאַנצן אָן רעליגיע — איין און דער זעלבער פּסיכאָלאָגישער טיפּ. פֿאַרן טעאָלאָג, דאָס הייסט, פֿאַרן יעניקן פֿאַר וועלכן די געדאַנקלעכע זייט פֿון רעליגיע שפּילט די הויפּטראָל, פֿאַר אים זיינען די פּסיכאָלאָגיש־ענלעכע מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע רעלי־גיעס, אָפּגעטיילט מיט כינעזישע מויערן. ניט אַזוי איז עס פֿאַרן פּסיכאָלאָג. פֿאַר אים שפּילט די פֿאַרשיידענע אויספֿורעמונג פֿון די רעליגיעזע קאָנצעפּטן קיין שום ראָליע ניט, אַבי דער פּסי־כאָלאָגישער הינטערגרונט פֿון די קאָנצעפּטן איז דער זעלבער. אַלע באמת פֿרומע לייט פֿון אַלע רעליגיעס פֿילן דאָס זעלבע, כאָטש געדאַנקלעך דריקן זיי דאָס אויס פֿאַרשיידן. פֿאַרן פּסיכאָלאָג איז גלויבן ניט מער ווי אַן אויסדרוקס־פֿאָרם פֿון עמאָטיווע אינהאַלטן. דער עיקר איז פֿאַר אים דער תּוך — די וועזנטלעכע עמאָציע — און ניט דער אינטעלעקטועלער לבֿוש אין וועלכן זי קומט פֿאַר־קליידט.

מעג דער משיח־גלויבן, לאָגיש געשאַצט, פֿאָרשטעלן מיט זיך וואָס עס וויל זיך, דאָך, פּסיכאָלאָגיש געשאַצט, איז דער רעזולטאַט גאָר אינגאַנצן אַן אַנדערער. פּסיכאָלאָגיש געשאַצט, ווייזט טיפֿער, ליידנשאַפֿטלעכער גלויבן אין משיחן, אויף אַ טיפֿן מיטפֿילן די ליידן פֿון פֿאָלק מצד דעם געגעבענעם ליידנשאַפֿט־לעכן משיח־מאמין, ווייזט אויף אַ טיפֿן באַגער, אַז דאָס פֿאָלק זאָל דערלייזט ווערן, אַז עס זאָלן זיך ענדיקן זיינע ליידן, אַז עס זאָלן אויפֿהערן די עוולות און אומגערעכטיקייטן, וואָס ווערן קעגן אים באַגאַנגען, אַז עס זאָל איינגעשטעלט ווערן דער מלכות משיח און עס זאָל קומען דער גואל צדק.

דאָס קאָנצענטרירן זיך מצד אַ יידן מיט זיין גאַנצער נשמה, מיט זיין גאַנץ לייב און לעבן אויפֿן גלויבן אין משיחן, ווייזט אַז דער דאָזיקער גלויבן איז אים באַזונדערס נאָענט. וויבאַלד פֿון אַלע דרייצן אני מאמינס, פֿאַרלייגט זיך אַ ייד נאָר אויף איינעם, אויפֿן פֿאַרלעצטן, איז עס דערפֿאַר וואָס דער דאָזיקער איינער אַנטשפּרעכט מער ווי די אַנדערע זיינע גייסט־אייגנ־שאַפֿטן. דאָס מיינט אַז ביים דאָזיקן יידן איז די ליבע צום פֿאָלק איבערגעשטיגן אַלע אַנדערע געפֿילן, וואָרום דער הויפּט־אימ־פּולס וואָס קען שטויסן אַ יידן זיך אַנצוקלאַמערן אין משיח־

גלויבן מיט זיינע אַלע אמצי כוחות, קען זיין נאָר דער שטאַרקער ווילן צו זען דאָס פאָלק אויפגעריכט און דערלייזט.

21. דעם חפץ חיימס רירנדיקע ליבע צו אידן.

דעם חפץ חיימס ליבע צו יידן איז געווען אין לשער גרויס. מיטן גאַנצן האַרצן פלעגט ער מיטליידן און מיטוויטיקן מיטן פאָלק. אַלע יידישע צרות פלעגן אים פערזענלעך טרעפן. זיין האַרץ פלעגט בלוטיקן פון יעדן נייעם קלאַפּ וואָס יידן האָבן באַקומען, אַ קלאַפּ, סיי אַ מאַטעריעלער, סיי אַ מאָראַלישער. און אַממייסטן פלעגט זיך טאַקע ביי אים צעפלאַקערן די משיח־בענקשאַפט אין שווערע צייטן פאַר יידן. דעמאָלט פלעגט ער אינגאַנצן פאַרלירן זיין גלייכגעוויכט און זיין ליידנשאַפטלעך אויסקוקן דעם גואל פלעגט אַריבער יעדער גרענעץ פון נאָר־מאַלקייט.

אַ סך מאָל האָב איך געזען דעם דאָזיקן טייערן אַלטן יידן אַרומשפּאַצירן מיט זיינעם אַ פּאַוואַריט, אַן אַלטן ישיבה בחור — זייער אַ פרומער, אַ נידעריקער, מיט אַ שוואַרץ בערדל און אַ טרויעריק גלות פנים — מיט וועלכן ער פלעגט ליב האָבן אַרומ־צורײדן די יידישע לאַגע. ער האָט אַלץ געוואָלט וויסן וואָס ביי יידן טוט זיך און אַלץ האָט אויף אים געמאַכט אַן איינדרוק. איך פלעג זיך אָפטמאָל וואונדערן: וואָס גייט עס דעם דאָזיקן אַלטן ראַדינער יידן אַזוי שטאַרק אָן וואָס מיט יידן אויף דער וועלט פּאַסירט? וואָס לייגט ער זיך אַזוי אָוועק? וואָס הערט ער ניט אויף צו ריידן רק וועגן יידן? ער האָט שוין זיינס אָפּגעטאָן, ער האָט יידן געגעבן דאָס בעסטע וואָס ער האָט פאַרמאָגט. טאָ זאָל ער זיך איצט אויסלעבן רואיק זיין עלטער אינם שטילן שטעטל. וואָס נעמט ער זיך אַזוי צום האַרצן פון יעדער יידישער צרה?!

אָבער, ניין, עס האָט אים ניט געלאָזט רוען. קיין איין שעה אין טאָג איז ניט דורכגעגאַנגען דער חפץ חיים זאָל ניט ריידן פון יידן און ניט ליידן זייערע ליידן. מיט אומצערייסבאַרע פעדים איז ער געווען פאַרבונדן מיטן יידישן כלל פון גאַר דער וועלט. ער האָט געלעבט אינגאַנצן און בלויז פון יידנס־וועגן. אַזאַ מין אינטימע, אָרגאַנישע פאַרוועבטקייט ווי עס איז

געווען צווישן חפץ חיים און דעם יידישן כלל, איז אַ גרויסע זעלטנקייט אַפילו צווישן גרויסע גייסטיקע יידן, ווייל, ווי מיר דוכט זיך, איז אָט די דערשיינונג אַ ספּעציפיש יידישע. ביי אַנדערע פעלקער איז זי ניטאָ, ווינציקסטנס ניט אין אַזאַ גראַד. די גרויסע ניט־יידישע גייסט־מענטשן זיינען ניט אַזוי דורך־און־דורך פאַרוועבט מיט זייער פאָלק, ליידן ניט אַזוי טיף דער־מיט, וואָס דאָס איז דער פאַל ביי יידן, בלויז ביי יידן, צוליב זייער ספּעציפישער גלות־לאַגע, וואָס דוערט שוין אַן „אייביקייט", איז עס אַריין אין יידנס בלוט, אַז דער גרעסערער ייד, דער וואָס פילט אַז ער האָט השפעה אויפן כלל, דער וואָס פילט אַז דער כלל ציט זיך צו אים, שטרעקט צו אים זיינע הענט און ווענדט צו אים זיינע בליקן—אַז דער דאָזיקער גרעסערער ייד זאָל אַרויפציען אויף זיך דעם גאַנצן עול פון כלל און זאָל לעבן פאַר אים — זאָל לעבן און ליידן פאַר אַלע! ביים ח"ח איז דאָס דאָזיקע, דאָס ליידן פאַרן גאַנצן יידישן כלל, דערגאַנגען ביז דער העכס־טער מדרגה. דער דריי און אַכציק יאָריקער זקן האָט געטראָגן אויף זיין גרויען קאָפּ און אויף זיינע אַלטע געבויגענע פּלייצעס — געבויגענע, צוליבן זיצן דעם גרעסטן טייל פון די דריי און אַכציק יאָר איבער לערנען און שאַפן תורה פאַר יידן — אַלע ליידן פונם פיל־מיליאָניקן פיל־געליטענעם פאָלק. יעדער קלאַפּ וואָס אַ ייד האָט נאָר ערגעץ־וואו באַקומען, האָט דאָס דער אַלטער חפץ חיים געפילט אויף זיין לייב.

דערמיט און נאָר דערמיט דאַרף מען דערקלערן דעם חפץ חיימס משיח־בענקשאַפט וואָס האָט קיין גרענעץ ניט געהאַט. דאָס איז געווען די בענקשאַפט צו זען דאָס פיל־געליטענע און פיל־ליידנדיקע פאָלק אויפגעריכט און דערלייזט.

22. אין צושטאַנד פון טיפער זיקנה.

ווען איך האָב געקענט דעם חפץ חיים האָט ער זיך שוין געפונען אין צושטאַנד פון טיפער זיקנה. ער פלעגט אָפטמאָל אַרומגיין אַ פאַרטראַכטער, אַ פאַרטראָגענער, ווי ער וואָלט זיך געפונען ערגעץ אין אַן אַנדער וועלט. זיינע השגות וועגן דער צייט זיינען געווען שטאַרק הינטערשטעליקע און אַלטפרענקישע. ער האָט ניט גאָר קלאָר תופס געווען די נייע צייט מיט אירע

ענדערונגען און געשעענישן. ער האָט זיך געהאַלטן ביי זיינע אַלטע, פאַרוואָרצלטע באַגריפן וועגן מלכות, וועגן גזירות אויף יידן, וועגן אַלטן סיסטעם פון געלט און בכלל ביי אַלע אַלטע נאָרמען און פאַרהעלטענישן פון לעבן. די נייע ענדערונגען פון נאָך דער מלחמה, האָבן כמעט ניט דערגרייכט צו אים. אויך אין פערזענלעכן לעבן און אין קאָנטאַקט מיט מענטשן, האָט עס געמאַכט דעם איינדרוק, אַז אויסער זיינע סאַמע נאָענטסטע און אַלטע באַקאַנטע, האָט ער ניט געלייגט קיין אַכט ווען עס איז פערזענלעך צו דערקענען.

דער דאָזיקער צושטאַנד זיינער איז געווען אַ מאָטיוו פאַר פאַרשיידענע מורמלערייען וועגן „אויסגעוועפּטקייט”. אָבער מיר דוכט זיך אַז פאַרקערט, אַז אין אַזאַ צושטאַנד, קען מען בעסער דערקענען דאָס וועזנטלעכע פון אַ מענטשן ווי אין זיין מיטעלן, „געזעצטן” עלטער. אין צושטאַנד פון טיפן עלטער קומען אַ סך בולטער צום אויסדרוק די גרונטיקע כאַראַקטער־שטריכן פון אַ מענטשן ווי אין די יינגערע יאָרן. אין די יינגערע יאָרן קאָנטראָלירט מען זיך מער ווי אין דער טיפער עלטער, ווינ־ציקסטנס איז עס אַזוי ביי טיף־פילנדיקע כאַראַקטערן. צוימען זיך, איינהאַלטן זיך, קאָנטראָלירן זיך, מיינט פאָרט ניט עפּעס אַנ־דערש, ווי ניט אויסגעבן זיך, בלייבן אין זיך. ווייסנדיק אַז ווען מירן געבן די פולע פרייהייט באַשטימטע עקסצעסיווע נטיהס פון אונדזער גייסט, מעג עס אַפילו זיין די בעסטע נטיהס, זיך פולשטענדיק אויסצואווירקן און אויסצודריקן, וועט מען אויף אונדז קוקן ווי אויף חסר־דעהניק, דערווידערט מען זיך אַליין, לאָזט מען זיך אַליין ניט אַרויסקומען, אין דער פולער מאָס, פונדרויסן, מ׳פאַרשפּאַרט זיך אין זיך, מ׳האַלט זיך געבונדן אין זיך. ערשט אויף דער עלטער, ווען מ׳ווערט אינדיפערענט צו די מיינונגען פון אַנדערע און ווען עס קומט, אפשר, אויך פאַר אַן אָפּשוואַכונג פון קאַלטן, קאָנטראָלירנדיקן שכל, הויבן אָן די טיפע נשמה־שטראָמען צו שלאָגן מיט מער קראַפט און פרייהייט, עס הויבט אָן אָפּשפּאַנען דער דרוק וואָס מ׳האָט אויף זיך אַליין אויסגעאיבט און די פונדאַמענטאַלע כוחות פון דער נשמה הויבן אָן אַרויסקומען אויפן אויבערפלאַך פונקט אַזוי ווי זיי אַנטשטייען אינעווייניק. עס הייסט, אַז אין צושטאַנד פון טיפער זיקנה איז אַ מענטש מער ווי אין די יונגע און מיטעלע

יאָרן, אין טיפן עלטער פאַרבאַהאַלט מען זיך ווייניקער ווי אין דער יוגנט און אין מיטעלן עלטער.

דער חפץ חיים ווען איך האָב אים געקענט, כאָטש ער האָט זיך פּאַקטיש געפונען אין אַ געוויסן צושטאַנד פון „פאַר־טראַגנקייט", האָט זיך אָבער די פאַרטראַגנקייט אויסגעדריקט בלויז אין דעם וואָס ער האָט זיך צופיל געלאָזט איינרייסן פון זיינע עטישע ליידנשאַפטן, ער האָט זיך געלאָזט פאַרטראָגן פון זיין גרויסער ליבע צו יידן, צו דער תורה, צו מיצוות, ער האָט זיך איבערמאָסיק געלאָזט באַהערשן פון זיין טיפער אמונה אין משיחן. אמת, ס'איז געווען פאַרטראַגנקייט, אָבער וואָס האָט זי אַנטפּלעקט ? זי האָט אַנטפּלעקט די העכסטע נאָבלקייט, דעם פיינסטן אידעאַליזם, ערלעכקייט און תמימות אָן אַ שיעור. די אַרומיקע האָבן ניט געהאַט די געהעריקע פאַרשטענדעניש פאַר אַט דעם גוואַלדיקן אויספלייץ פון נשמה־שיינקייט, זיי האָבן בלויז געזען די „אַריבערגעכאַפּטע מאָס"...

עס האָט געהאָלפן אַקצענטירן דעם חפץ חיימס טיפע זיקנה דער אומשטאַנד וואָס אויף קיין פרטים פלעגט ער קיין אַכט ניט לייגן. זיין גייסט איז שטענדיק געווען פאַרנומען מיט ברייטע, אַלגעמיינע ענינים און מיט קיין דעטאַלן האָט ער זיך ניט פאַראינטערעסירט. אַזוי איז אויך געווען מיט מענטשן. דער יחיד האָט פאַר אים אויפגעהערט צו עקזיסטירן, עס איז פאַר אים געבליבן עקזיסטירן בלויז דער כלל. אַלע ישיבה־בחורים האָבן ביי אים געהאַט איין נאָמען: „אַ פרוש" און אַלע יידן האָבן ביי אים געהייסן: אַ „ייד" אָדער אַן „אורח". די אינדי־ווידואַליטעט פון יעדן באַזונדער האָט ביי אים מער קיין אָרט ניט פאַרנומען און ער פלעגט טאַקע מער ניט אונטערשיידן צווישן איין יחיד און דעם צווייטן. אַז ער האָט גערעדט מיט אייך און ער פלעגט אויף אייך אַ קוק טאָן מיט זיין בלאָנדזשענדיקן בליק, האָט איר געהאַט דעם איינדרוק, ווי ער קוקט ניט אויף אייך פערזענלעך, אויף אייך דעם יחיד, ראובן אָדער שימעון, נאָר ער קוקט אויף אייך דעם יידן, דעם ישיבה־מאַן, דעם גאַסט, דעם טייל פון כלל. דאָס דאַזיקע פלעגט אָפטמאָל פירן צו אומאָנגענעמע סצענקעס מיט געסט, וואָס האָבן פּרעטענדירט אַז דער חפץ חיים זאָל זיי „אידענטיפיצירן" און זיי רופן ביי זייער פערזענ־לעכן נאָמען, אָבער ער פלעגט זיך ניט מאַכן דערפון און האָט

שטענדיק און פּאָר אַלעמען גענוצט איין און דעם זעלבן נוסח:
— אַן אורח, פון וואַנען? ווי גייט עס יידן אין אייער מקום?...

אַממייסטן פלעגן זיך שאַפן אומאַנגענעמע מאָמענטן צוליב זיין טויבקייט. ער פלעגט אָפטמאָל ניט דערהערן וואָס מ׳רעדט צו אים און פלעגט ענטפערן ניט צו דער זאַך. גאַנץ באַזונדערס פלעגט זיין צו טאָן מיט אים בעתן לייענען אין ספר. ער פלעגט זייער ווען ענטפערן אמן אויף דער ברכה וואָס דער אויפגערופענער האָט געמאַכט איבער דער תורה. זיינען אָבער ס׳רוב ישיבה בחורים געווען שעמדיק און האָבן געמאַכט די ברכה שטילערהייט. פלעגט ער ניט דערהערן און פלעגט ענטפערן אמן שוין אַ צייט נאָכדעם ווי דער אויפגערופענער האָט געענדיקט די ברכה. דער בעל קורא האָט שוין געלייענט אין ספר, אַרום איז געווען שטיל און דער אַלטער חפץ חיים פלעגט אין מיטן דערינען אַרויספאָרן מיט אַ שאַרף אַרויסגעזאָגטן און לאַנג־צעצויגענעם אָ—מ—ן. נאַטירלעך אַז עולם ישיבה בחורים פלעגן זיך צעשמייכלען און ער פלעגט דאָס באַמערקן. פלעגט ער נאָכן דאַווענען אַרומגיין און זיך כעסן און זיך בעטן: „אָבער וואָס האָט מען מורא צו מאַכן די ברכה אַ ביסל העכער? וואָס שעמט מען זיך? מיט וואָס איז דאָ דאָ זיך צו שעמען? מיט מאַכן אַ ברכה איבער דער תורה שעמט מען זיך?!”

איינמאָל איז אים געגאַנגען באַזונדערס שלעכט. ווי אויף צו להכעיס האָבן אַלע אויפגערופענע ישיבה בחורים געמאַכט די ברכה שטיל און ער האָט קיין איין מאָל ניט אַריינגעטראָפן מיטן אָמן. יענעם מאָל נאָכן דאַווענען האָט ער זיך געכעסט מער ווי שטענדיק און ס׳איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אַז ער האָט געדראָט, אַז „פון זיין אייגענער קעשענע וועט ער באַצאָלן” אַז מ׳זאָל מאַכן אַ באַלעמער אויף צו לייענען אין ספר, כדי ער זאָל קענען פון דער נאָענט הערן ווי מ׳מאַכט די ברכה.

אַז דער חפץ חיים זאָל דראָען מיטן „באַצאָלן פון דער אייגענער קעשענע”, האָט עס אים שוין גוט געמוזט פאַרדריסן, מחמת ס׳איז ניט געווען זיין טבע צו געבן געלט אויף זאַכן וואָס ער איז ניט געווען מחויב. ווי איך האָב שוין אויבן געזאָגט, איז ער אין געלט־זאַכן געווען גאַנץ איינגעהאַלטן. זיינע השגות אויף דעם געביט זיינען ווייט ניט אַוועק. ער איז טאַקע געווען אַ ייד אַן עושר, אָבער ניט ער האָט זיך געפילט און ניט ער האָט

זיך געפירט מעשה עושר. זיין פאַרמעגן, וואָלט איך געזאָגט, האָט געקערט צו אים בלויז יורידיש, אָבער ניט פסיכאָלאָגיש. אין דער פסיכאָלאָגיע איז ער קיין מאָל קיין גביר ניט געוואָרן. אין דער פסיכאָלאָגיע איז ער געבליבן אַ קליינער באַלעבאָס. וויפל מאָל ס'איז מיר אויסגעקומען אים צו הערן ריידן פון געלט־זאַכן, האָב איך זיך שטענדיק געוואונדערט. איבער דער באַגרע־נעצטקייט פון די סומען וואָס ער פלעגט אָנרופן. דאָס דאָזיקע — דאַרף געזאָגט ווערן — איז נוגע בלויז אים פערזענלעך. זיין הויז־ווירטשאַפט און זיינע געשעפטן האָבן געהאַט שוין גאָר אינגאַנצן אַנדערע השגות. אָבער ער האָט זיך צוביידע ניט געמישט. דאָס הויז האָט געפירט די חפץ חיימטע, אַ יידענע אַ גאַנצע דאַמע, וואָס פלעגט יעדן זומער פאָרן אין די וואַרעמ־בעדער פאַרלירן וואָג. און די געשעפטן האָט געפירט ר' הילל, דעם חפץ חיימס אַ שטיף־איידעם, אַ מאַן פון דער חפץ חיימטעס טאָכטער — אַ גאָט־געבענטשטער געשעפטספירער...

אָבער קיין באַלעמער האָט מען ניט געמאַכט. אַ שטיקל צייט האָבן זיך שעמעדיקע „פרושים" אָנגעטאָן אַ כוח און געמאַכט די ברכה איבערן ספר אַ ביסל העכער. נאָכדעם איז צוריק אַלץ גע־ווען ווי פריער. דער אַלטער חפץ חיים פלעגט זיך אָנשטרענ־גען צו דערהערן די ברכה, פלעגט אַריינקוקן דעם בחור אין מויל אַריין, צי ער האָט שוין אָפּגעזאָגט, און ערשט נאָכדעם פלעגט ער ענטפערן אָמן שוין אינמיטן לייענען און פרושים פלעגן שמייכ־לען...

זיך פירן מעשה באַלעבאָס און אָננעמען מיטלען, דערפון האָט דער ח"ח קיינמאָל ניט געוואוסט. דאָס איינציקע וואָס ער פלעגט אַמאָל טאָן, איז זיך אָנבייזערן אויף עמיצן. אָבער זיין בייזערן זיך גופא איז געווען מלא חן, פול מיט גוטמוטיקייט און האַרציקייט, און דערצו פלעגט ער עס טאָן זעלטן, אָפּטער פלעגט ער שוין גוטמוטיק באַמערקן וואָס ער האָט געוואָלט און זיך גיין זיין וועג. אַזאַ פאַל האָט איינמאָל געטראָפן מיטן מחבר פון אָט די שורות.

25. אַלגעמיינע כאַראַקטעריסטיק פון לעצטן רשכבה"ג

אַט דאָס האָב איך אין קורצן געוואָלט דערציילן וועגן גרויסן יידן ישראל מאיר פון ראַדין וועמען איך האָב געהאַט די געלעגנהייט אויף אַ מאָמענט צו קאָנען פון דער נאָענט.

דער הויפּטשטריך אין כאַראַקטער פונם דאָזיקן מערקווירדיקן יידן, איז געווען זיין גאַנצקייט. דער חפץ חיים האָט ניט געקערט צו יענעם סאָרט פרומע לייט, ביי וועלכע זייער אינערלעך לעבן איז פול מיט קאָנפליקטן און סתירות און אינערלעכן געראַנגל, ביי וועלכער זייער פרומקייט איז אַ פועל יוצא פון קאָנטראָל און צוימונג. נאָר זיין פרומקייט איז געווען אַ ספּאָנטאַנע. ער האָט זיך ניט באַדאַרפט אָנשטרענגען צו זיין גוט און פרום, נאָר זיין גוטסקייט און זיין פרומקייט זיינען פון זיך אַליין געקומען. ער האָט געלעבט אין פולער האַרמאָניע מיט זיך אַליין. זיין אינערלעך לעבן איז ניט געווען צעריסן פון קיין קאָנפליקטן און ווידעראַנאַנדן מיט זיך, נאָר פאַרקערט, ער האָט געלעבט אין כסדרדיקן שלום מיט זיך, אין כסדרדיקן אָנקלאַנג מיט זיך אַליין. ער האָט ניט געקערט צום טיפּ צדיק בעל תשובה, וועמען עס ציט צו זינד און וועלכער איז די זינד גובר, נאָר ער האָט געקערט צום אַנדערן טיפּ צדיק, צום צדיק גמור, וועמען עס ציט ניט צו קיין זינד, נאָר וועלכער טוט מצוות און מעשים טובים דערפאַר וואָס ער פילט אַזוי צו טאָן, דערפאַר וואָס אַזוי איז ער געמאַכט צו טאָן. דערפאַר איז דער חפץ חיים געגאַנגען זיין לאַנגן לעבנסוועג מיט אַ מערקווירדיקער אויסגעהאַלטנקייט, וואָרום ער איז געווען דער גאַנצער מענטש, ער האָט זיך ניט געבערעקלט. ער האָט קיינמאָל ניט אָפּגעבויגט פון זיין וועג ניט קיין טריט רעכטס און ניט קיין טריט לינקס. גאָרניט האָט אים געקענט אַראָפּפירן פון דער גראָדער ליניע, אויף וועלכער ער איז געגאַנגען פעסט און אַנטשלאָסן. זיין וועג איז ניט געווען קיין אויסגעקליגערטער, נאָר דער געטרייער, דער אוממיטלבאַרער אויסדרוק פון זיין גייסט. זיינע האַנדלונגען האָבן אין זיך געהאַט די סאָלידקייט און פעסט־

קייט פון אינסטינקטיווע האַנדלונגען. ער איז געפירט געוואָרן אין זיין לעבנסוועג פון אַ „פרומקייט־אינסטינקט", וואָלט איך געזאָגט. ער האָט קיינמאָל ניט געצווייפלט צי ער זאָל טאָן אַזוי אָדער אַנדערש, נאָר ער האָט געהאַנדלט לויטן ערשטן אימפּולס, וואָס איז שטענדיק געווען דער ענדגילטיקער און ריכטיקער אימפּולס, ווייל ער איז אַרויסגעפלאָסן פון אַ געזונטן, גאַנצן און האַרמאָנישן גייסט. דער חפץ חיים האָט געקאָנט גאַנץ רואיק זיך אָנטרויען זיך אַליין, וואָרום ער האָט געוואוסט, אַז זיין „האַרץ" פאַרפירט אים ניט. ער האָט מיט פאַרמאַכטע אויגן געקאָנט טאָן וואָס אים האָט זיך געוואָלט, ווייל ס'האָט זיך אים שטענדיק גוט געוואָלט. זיינע טאַטן זיינען ניט געהאַנגען אויף דעם דינעם האָר פון אויסחשבונונג, נאָר זיינען געווען באַזירט אויף דער פעסטער באַזע פון ספּאָנטאַנעם, אָרגאַנישן ווילן. מיט איין וואָרט: דער חפץ חיים איז געווען דאָס וואָס ער איז געווען און ניט דאָס וואָס ער האָט געמאַכט פון זיך, וואָרום ער האָט גאָרניט באַדאַרפט אַרבעטן איבער זיך. ער איז געווען אַן איש צדיק תמים וישר מרחם ומלידה און אַלס אַזעלכער האָט ער געלעבט. מיר מיינען בשום אופן ניט העכערצושטעלן דעם דאָזיקן טיפּ מאָראַל־מענטש פון דעם אַנדערן טיפּ, וואָס אַרבעט יאָ איבער זיך, ראַנגלט זיך מיט זיך, בלוטיקט און ווייטיקט איבער זיך אין דער שטרעבונג צו השלמה און מאַכט סוף כל סוף פון זיך דאָס וואָס ער וויל (דער העכסטער פּראָטאָטיפּ פון דעם סאָרט מענטשן איז, דוכט מיר, געווען טאָלסטאָי, כאָטש דער ווייט גרעסטער טייל גרויסע מאָראַל־מענטשן פון דער געשיכטע האָבן געקערט צו דעם סאָרט), — ניין, מיר מיינען ניט העכערצושטעלן דעם צדיק גמור פון דעם צדיק בעל תשובה, עס קען גריילעך זיין אַז די גמרא איז גערעכט, אַז במקום שבעל תשובה עומד, אין צדיקים גמורים יכולים לעמוד. אָבער ניט אין גיין שאַצן דעם ווערט פון די צוויי טיפּן עטישע מענטשן בין איך דאָ אויסן, נאָר ניט מער ווי פעסטשטעלן דעם פאַקט — דער פאַקט, שיינט מיר, איז, אַז ר' ישראל מאיר פון ראַדין האָט געהערט צום טיפּ ספּאָנטאַנען מאָראַל־מענטש, ביי וועמען דער קאַמף מיטן „יצר", ד"ה דער קאַמף מיט „זיך", ד"ה דער קאַמף מיט דער אייגענער אַנימאַלער נאַטור, איז רעדוצירט צו אַ מינימום, אויב מ'קען ניט זאָגן אַז ער איז אינגאַנצן ניטאָ. און דאָס איז פריער פון אַלץ געדרונגען פון דער

אויסגעהאַלטנקייט מיט וועלכער ער איז געגאַנגען זיין לעבנס־וועג פון זיין פריסטער יוגנט ביז זיין טיפסטן עלטער. ניט גע־ווען אין זיין לעבנס־וועג קיין אָפּווייכונגען, קיין ענדערונגען, קיין זיגזאַגן, קיין איבערשאַצונגען פון ווערטן, קיין בייט פון שטאַנד־פונקטן, נאָר אַזוי ווי ער האָט אָנגעהויבן אַלס יונגערמאַן, ווען ער האָט אָנגעשריבן זיין ערשטן ספר „החפץ חיים“, אַזוי האָט ער פאַרגעזעצט זיין גאַנץ לאַנג לעבן. ער האָט קיינמאָל ניט גע־ביטן קיין מיינונגען, ניט רעווידירט קיין פּרינציפּן, נאָר שטענדיק, שטענדיק אָנגעהאַלטן די זעלבע ליניע — די זעלבע ברייטע, גע־נעראַלע ליניע פון געזונטער, פּשוטער פרומקייט און ערלעכקייט. אָט די דאָזיקע לעבן־לאַנגע קאָנסעקווענץ און טרייקייט צו זיך אַליין, ווייזט ניט אויף עפּעס אַנדערש ווי נאָר אויף דעם, אַז דעם חפץ חיימס דרך איז געווען דער אוממיטלבאַרער אויס־דרוק פון זיין גייסט, אַז ער, זיין דרך, איז געווען ניט קיין „אויס־געאַרבעטער“, נאָר אַן אַליין געקומענער, אַז זיין פרומקייט איז געווען ניט קיין דעראַבערטע, נאָר אַ געהאַטע.

דערמיט דאַרף מען אויך דערקלערן זיין אייגנאַרטיקייט און אָריגינעלקייט. וואָרום סיי דער נוסח פרומקייט און סיי דער נוסח לומדות פון זיין סביבה און דערציאונג, זיינען געווען אַנדערע ווי זיינע. אויפגעוואַקסן און דערצויגן אין ליטווישע ישיבות, וואו סיי דער דרך פון לערנען איז געווען פאַרשיידן פון זיינעם און סיי דער דרך פון פרומקייט איז געווען פאַרשיידן פון זיינעם, איז דאָך ר׳ ישראל מאיר ווידערגעשטאַנען ביידע. ער איז ניט אַרויסגעוואַקסן ניט קיין גרויסער פּילפּלער און ניט קיין גרויסער מוסרניק, נאָר אַ גרויסער פשטן און אַ גרויסער שולחן ערוך־ייד. מיט וואָס פאַר אַ כוח האָט ער זיך קעגנגעשטעלט דער ווירקונג פון זיין סביבה? מיטן כוח פון זיין אייגנאַרטיקער פּערזענלעכ־קייט. דערפאַר וואָס ער איז בטבע ניט געווען קיין פּילפּלער און קיין האַרשפּאַלטער, נאָר האָט געהאַט אַ גראַדן און פּשוטן שכל, דערפאַר איז ער ניט געוואָרן קיין חריף ועיקר הרים, און דער־פאַר וואָס ער איז בטבע ניט געווען קיין אַסקעט און קיין פּרוש, נאָר אַ מענטש פון לעבן, אַ מענטש פון אַלע טאָג, דערפאַר איז ער ניט געוואָרן קיין מוסרניק. די אויסגעשפּראָכנקייט פון זיין כאַראַקטער, וואָס האָט קאָנטראַסטירט צו די ווירקונגען פון דער סביבה, האָט אים פאַרהיט פון אירע איינפלוסן און האָט גע־

מאַכט אַז ער זאָל גיין זיין אייגענעם לעבנס־וועג. מיטן ניט לאָזן זיך באַאיינפלוסן פון זיין סביבה, איז ער ניט מער ווי געווען גע־טריי צו זיך אַליין, ער האָט זיך צוגעהערט צו זיך אַליין, ער איז נאָכגעגאַנגען זיינע אייגענע נטיהס, און ער איז געוואָרן דאָס וואָס ער איז געווען, — אַ געניאַלער ערלעכער, פּשוטער מענטש.

דערפאַר אויך, דאָס הייסט דערפאַר וואָס ער איז געווען דער ספּאָנטאַנער מענטש און ניט דער זעלבסט־געמאַכטער, האָט זיך דערהאַלטן מיט דער גאַנצער פרישקייט און שטאַרקייט די אייב־פאַכקייט און באַשיידנקייט פון זיין כאַראַקטער. ער האָט ניט גע־פילט, אַז ער איז אַנדערש ווי אַלע, גרעסער ווי אַלע — ער האָט גאָרניט געטאָן צו זיין גרעסער. דאָרט וואו ס׳איז פאַראַן באַמיאונג, קאַמף, אַנשטרענגונג זיך אַרויסצוהויבן, מוז אויך זיין ווילן באַלוינט צו ווערן, אַנערקענט צו ווערן. דאָרט אָבער וואו די זאַכן טוען זיך פון זיך אַליין, מען וואַקסט אַליין אויס גרויס, — ווי דער דעמב אין וואַלד, — פילט מען ניט די אויסגעטיילטקייט, פילט מען ניט די העכערקייט (דעמאָלט, נאַטירלעך, ווען מען איז פון כאַראַקטער באַשיידן), און מען פאָדערט ניט קיינע באַלוי־נונגען. דאַרף מען דען עמיצן באַלוינען דערפאַר וואָס ער לעבט און ווירקט אין אַנקלאַנג מיט זיך אַליין, דערפאַר וואָס ער איז דאָס וואָס ער איז? — ניין, דערפאַר קומט ניט קיין שום באַלוי־נונג. אויב ר׳ ישראל מאיר פון ראַדין איז געוואָרן דער רבן של כל בני הגולה, האָט ער עס ניט געפילט, וואָרום ניט ער האָט גע־שטרעבט דערצו און ניט ער האָט עפּעס געטאָן עס צו דערגרייכן — עס האָט זיך פון זיך אַליין דערגרייכט. און וויבאַלד אַזוי, וויבאַלד זיין נאַטירלעך, זעלבסט־געטריי לעבן, זיין זיך געאייגנ־טער וועג, האָט אים דערפירט צום העכסטן שפּיץ באַרג, איז דאָך „גיטאָ דאָ מיט וואָס זיך איבערצונעמען״, האָבן אַזוי פיל יידן געלעבט זייער געוויינלעך לעבן און זיינען געבליבן פּיצעלעך יידעלעך, און איין ייד האָט געלעבט זיין געוויינלעך לעבן און איז געוואָרן דער גרעסטער, ביידע האָבן געלעבט זייער נאַטירלעך, געוויינלעך לעבן, און — „דעם איינעם קומט ניט מער ווי די אַלע״...

אָ, ניין, ס׳איז נאָך ניט געווען אַזאַ „גרעסטער פון אַלע גלות־יידן״, וואָס זאָל זיך פילן אַזוי ניט מער ווי אַלס אַ פּשוטער ייד, ווי דאָס איז געווען דער לעצטער, דער ראַדינער „גרעסטער ייד״.

אין דעם פרט איז ר׳ ישראל מאיר בר׳ אריה זאב הכהן מק״ק ראַדין געווען אַ אוניקום אין דער גאַנצער יידישער געשיכטע וואָס איז אַזוי רייך אין גרויסע מאָראַלישע פּערזענלעכקייטן. וואָרום וואו איז דען אַמאָל געווען אַ ייד וואָס זאָל אין אַזאַ גראָד פאַרערט, געשאַצט און פאַרהייליקט ווערן פון מיליאָנען יידן און זאָל זיך דאָך פילן אַזוי דורכאויס, אַזוי פולשטענדיק, אַזוי אַבסאָלוט גלייך מיט יעדן איינעם פון אָט די מיליאָנען! אַזעלכע מענטשן לעבן איין מאָל אין טויזנט יאָר און אפשר נאָך זעלטענער...